DHC

שיקאגא

"CHICAGO" ליטעראַרישער חדש זשורנאַל

LITERARY MONTHLY IN YIDDISH

יולי-אויגוסט
1935

MEYER ZOLOTAREFF
EDITOR and PUBLISHER

פרייז
20 סענט

GREETINGS

MICHAEL J. ROSINIA

City Prosecutor

Compliments from the

REGINA

MEMORIAL FUND

Phone Van Buren 3202

WEST SIDE BUS DEPOT

Information and Tickets On All Lines

Chartered Buses for All Occasions

Special Excursion Tickets to All Points

6½ N. Dearborn **3202 W. Roosevelt Rd.**

W. Wieselman, Mgr. Chicago, Ill.

קומט פארברייגנען אן אנגענעמע שטונדע
אין

קאַפע ראָיאַל

די קאפע ראיאל איז דער איינציקער רעסטאראַן אין דער וועסט סייד, וואו איר טרעפט שיקאגאר אידישע אינטעליגענץ און ארטיסטן, פּאָעטן און זשורנאַליסן.

מיר סערווירן די בעסטע שפייזן. — האָט הנאה פון א גוטן מאלצייט. — יעדן שבת אוונט האָבן מיר אין אונזער פראַכטפולן זאל א שיינעם

קאַבאַרעט

מיט באַוואוסטע טאלאַנטן

ארגאניזאציעס ווערן געבעטן צו מאכן זייערע באַנקעטן שמחה'ס און אנדערע אונטערנעמונגען אין קאפע ראיאל.

CAFE ROYALE

3854 W. ROOSEVELT ROAD

Phone Kedzie 7173

ראָזען'ס ריי ברויט געפינט זיך אויף'ן טיש פון כמעט יעדער אידישע הויז

To Make the Entire Year a Real Happy One Ask For

ROSEN'S RYE BREAD

Every Day of the Year

צו געזונט — צו לעבן — צו לאַנגע יאָר
מוז א מענטש האָבן אינשורענס

מ. צ. ה. זאקהיים

„פארזיכערט" אייך אז איר וועט אם ירצה השם לעבן און לעבן.

Meyer H. Sackheim

NEW YORK LIFE INSURANCE CO.

39 South La Salle Street

Telephone Central 0271

א בוירגלארי אינשורענס פאָליסי פאר אייער אפיקומן פריי מיט יעדער לייף אינשורענס.

אין פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאגא

זיינען נאָר וואָס דערשינען פאָלגנדע נייע אויסגאַבן:

„ווינקאווינקעלע" — פון דוד ראדין
א בוך שפּילעוודיקע מעשהלאך אין גראמען פאר קליינע קינדער.

דאָס בוך איז געדרוקט אין גרויסן שריפט, אויף גוטן פּאַפּיר, און איז רייך אילוסטרירט פון נאָטע קאָזלאָווסקי.

די אילוסטראציעס פון נאָטע קאָזלאָווסקי גיבן איבער אין בילדער אויף א זייער געלונגענעם אופן דעם לייכטן קאָמיזם פון די מעשהלאך. דאָס בילד אויפן טאָוול איז רייך אין קאָלירן און איז פול מיט קינדערשן חן.

„ווינקאָווינקעלע" איז א בוך פאר קינדערגאָרטן, שול און היים. לערער וועלן אין בוך געפינען גוטן און גרינגן לייענמאַטעריאַל פאַרן ערשטן און צווייטן קלאס; עלטערן וועלן אין בוך געפינען „מעשהלאך, וואָס פארכאַפּן דאָס קינד."

פרייז 50 סענט

פאַר איבערשיקן 10 סענט עקסטרא.

VARLAG CESHINSKY

2720 W. Division St. Chicago, Illinois

"CHICAGO"

A LITERARY MONTHLY IN YIDDISH

VOL. 6 | JULY-AUGUST 1935 | No. 42

אין דעם נומער

לויט אַרטיקלען

יוסף טראַכטנבערג — קצבים — (פּאָעמע)
ב. ריווקין — וואו איז דער אויסוועג פאַר לוצקיין? — (קריטיק)
אלטער עסעלין — לידער פון א בוכוואָרם צו גאָט — (לידער)
ש. ד. זינגער — די טראַגישע מאַרטירער געשטאַלט
וואו דע ליובע — (איבערבליק)
דר. א. אייסען — פון דער ענגלישער פּאָעזיע — (לידער)
זלמן זילבערצווייג — מענדעלע מוכר ספרים און דאָס אידישע
טעאַטער — (אַרטיקל)
יעקב גלאַנץ — פּאָעטן אין פּורפּורנעם שיין — (לידער)
יהודה גערטלער — מיט וואס קומט רוזוועלט צו די וויילער? — (אַרטיקל)
מינא ראַבינאָוויטש־באַרדאַ — נאַכט — (ליד)
משה פריד — ווער האָט געוויינט? — (דערציילונג)
מ. טקאַטש — (לידער)
אליהו שולמאַן — דאַרפן זיך אידישע שרייבער שטופּן אין
פרעמדע ליטעראַטורן — (אַרטיקל)
ל. קוסמאַן — אין די שאָטנס — (ליד)
י. ראַפּאַפּאָרט — „די הויז אויפין באַרג"
שטייט ניט אזוי הויך — (קריטיק)
א. נאירמאַן — רבקה גאָלין — (נעקראָלאָג)
דוד בעקער — וויליאַם שוואַרץ — (צו זיין אויסשטעלונג)
י. ראַשעל — וועגן מאַלער־סקולפּטאָר קאַראָלי פולאָפּ (איבערבליק)
ב. ראָזענבוים — באַלעבאַטישער אדער פּראָלעטאַרישער טעאַטער?
א. ה. שקאָלניק — (אַפאָריזמען)

נאָטיצן — ביכער אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע

Editor and Publisher: Meyer Zolotareff
1133 S. Homan Ave., Van Buren 3296

SUBSCRIPTION RATES		סובסקריפּשאָן פּרייז	
Single Copies	20c	איינצעלנע קאָפּיס	20ס.
One Year	$2.50	אַ יאָר	$2.50
One Year Foreign	$3.00	קאַנאַדע און אויסלאַנד	$3.00

576 Fireside Printing Co., 812 W. Van Buren St. Haymarket 5800

א נעזונטן, גליקלאכן יאָהר ווינשן מיר אונ־זערע אונצעהליגע קאָסטימער און אלע אידן
אונזערע גוטע געשמאַקע דעליקאַטעסען זיי־נען כשר בתכלית הכשרות בהכשר הרב הגאון ר' דובער סווירסקי
לענסקי בראָדערס
3402 וועסט 16טע סטריט

WEST SIDE BUS DEPOT
Information and Tickets On All Lines
Chartered Buses for All Occasions
Special Excursion Tickets to All Points
6½ N. Dearborn — 3202 W. Roosevelt Rd.
W. Wieselman, Mgr. — Chicago, Ill.

די וויטנבערג „איטמאָר מצות"
זיינען וועלט באַרימט
פאַר זייער געשמאַקן טעם
THE WITTENBERG MATZOH CO.
Bakers of
The Famous Eatmore Matzoh
Estab. 1885
1326 S. JEFFERSON ST.
Canal 0090 — Chicago, Ill.

אין פאַרלאַג ל. מ. שטיין איז דערשינען
דער ליעווער רבי
מיכל דאווידזאָן
היסטאָרישע דראַמע אין פיר אַקטן
פרייז איין דאָלער און פופציק סענט

REVERENCE
Those we have served in the past attest our service as something beyond commercial bounds. A bond of friendly and sympathetic reverence exists always.
Pomp and circumstance have no place in our services. Only dignified, helpful aid, with a deep respect, is offered.
SAM PISER, Founder
PISER UNDERTAKERS COMPANY
3125-27 Roosevelt Road
Lawndale 4920-1-2
PISER'S BROADWAY, Inc.
5206 Broadway — Longbeach 4740-1-2
Max E. Yaffe — Chas. E. Kaye
Sol Pizer — Milton H. Yaffe

אין דער נאָענטסטער צייט דערשיינט אין פאַרלאַג מ. צעשינסקי א ניי בוך פון
מ. גיציס
„די זון אין מזרח"
פאַרבליבן א קליינע צאָל ביכער
„נאָוועלן"
פרייז פון יעדן בוך באַזונדער 1 דאָל., ביידע ביכער צוזאַמען 1 דאָל. מיט 50ס.
מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:
M. GITZIS
6301 Grand Ave. — Chicago, Ill.

אין פאַרלאַג צעשינסקי
וועט אינגיכן דערשיינען א בוך לידער פון מ. טקאַטש
אונטער דעם נאָמען „זון איבער אלץ"
דאס איז דאס דריטע בוך וואס דער דיכטער פאַר־עפנטלאכט. זיינע ערשטע ווערק זיינען ווארים אויפ־גענומען געוואָרן פון דער קריטיק.

לשנה טובה תכתבו
Greetings of the Season
R. & K. Restaurant
3216 W. ROOSEVELT ROAD
Zuckey, Manager

חלילה אין טויטנפאַל טעלעפאָנירט:
די אינדעפּענדענט אידישע אנדערטייקערס
טעל. לאונדייל 0510. ראַקוועל 9017
און איר זייט פאַרזיכערט דאס איר וועט באהאנדעלט ווערן מיט דרך ארץ און פאַראנטוואָרטונג.
INDEPENDENT JEWISH UNDERTAKERS
3103 OGDEN AVENUE
Louis Albert, Pres. — Robert Albert, Vice-Pres.
Henry Messro, Treasurer

שיקאַגאָ

רעדאַקטאָר־ארויסגעבער: מאיר זאַלאַטאַרעוו
רעדאַקציע: 1133 ס. האָמאַן עוועניו, שיקאַגאָ, איל.

נומער צוויי־און־פערציק — יולי־אויגוסט, 1935 — זעקסטער יאָרגאַנג

לייט-אַרטיקלען

איטאַליען און אַביסיניע

די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט איז איצט זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם סכסוך צווישן איטאַליע און אַביסיניע. די וועלט האָט זייער מורא, אז אַט דער פונק פייער, וועלכער טליעט איצט אפן איטאַליעניש־אַביסינישן פראַנט קאָן נאָך מעגלאַך פאַנאַנדערפלאַקערן זיך אין א גרויס פלאַם, וועלכער וועט ארומכאַפּן דעם גאַנצן ערד־קוגל.

די ציוויליזירטע עפנטלאַכע מיינונג האָט מורא פאַר א נייען וועלט־קריג, ענלאַך צו דער וועלט־מלחמה פון 1914.

איבערהויפּט ציטערן פאַר אזא מעגלאַכקייט די פאָטערס און מוטערס פון די דערוואַקסענע קינדער, אַט די עלטערן וועלכע געדיינקען נאָך זייער גוט די רעזולטאַטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מיליאָנען גייסטיקע און פיזישע קאַליקעס זיינען געשאַפן געוואָרן און מיליאָנען יונגע לעבענס, די לעבנס פון זייערע קינדער זיינען אומגעקומען.

איז א נייע וועלט־מלחמה מעגלאַך? וועט דעם פאַשיסט מוסאָליני'ן געלינגען צו שפּילן די ראָליע, וועלכע ווילהעלם האָהענצאָלערן האָט געשפּילט אין 1914? וועט אַביסיניען זיין די זעלבע פּולווער־פאַס, וואָס סאַראַיעוואָ איז געווען מיט איין־און־צוואַנציג יאָר צוריק?

קיינער פון די דיפּלאָמאַטישע מחות פון דער וועלט קאָן קיין באַשטימטע מיינונג ניט זאָגן, און אין דער צייט ווען דער אַביסיניש־איטאַליענישער סכסוך האַלט אַלץ מער און מער אין פאַרשאַרפט ווערן; ארמייען ווערן געזאַמלט אף די פראַנטן און די מלחמה וואָלקנס ווערן אַלץ געדיכטער און געדיכטער, קאָן קיינער אף זיכער ניט פאַראויסזאָגן, אויב מיר קאָנען דערוואַרטן די מעגלאַכקייטן פון א נייען בלוטיקן וועלט־ספּעקטאַקל מיט די אַלע בלוט־יאַטקעס און מיט קאַנאָנען פלייש.

דער לאָגישער געדאַנק דיקטירט, אז א נייע וועלט־מלחמה איז ניט מעגלאַך. עס זיינען נאָך גאַנץ פריש די וואונדן פון דער לעצטער וועלט־מלחמה. די גאַנצע וועלט געדיינקט נאָך גאַנץ גוט די טרויעריגע רעזולטאַטן פון קריג. מיר קאָנען נאָך ניט פאַרגעסן די מיליאָנען געטויטעטע און פאַרוואונדעטע יונגע נפשות, די בירגער־מלחמות, הונגער און עקאָנאָמישע קריזיסן, וועלכע זיינען געקומען אלס רעזולטאַט פון דעם גרויסן וועלט־קריג.

מיר ווייסן אויך, וואָס עס איז פאַרגעקומען נאָך דער לעצטער מלחמה מיט פילע פון די געקרוינטע קעפּ. צאַרן און קעניגע זיינען ארונטערגעוואָרפן געוואָרן, טראָנען זיינען צעשמעטערט געוואָרן, — די גאַנצע וועלט איז קליגער געוואָרן און נאָך א מעגלאַכער צווייטער וועלט־מלחמה קאָן די ציוויליזירטע וועלט נאָך קלינער ווערן.

דאָס זאָגט אונז די לאָגיק, ווייסן גאַנץ גוט די איצטיקע רעגירונגס־רעדל־פירער און האָבן שטאַרק מורא פאַר א דערנענטערונג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

און ווען א מלחמה זאָל אויסברעכן און ארומכאַפּן דעם גאַנצן ערדקוגל, דיקטירט אונז ווידער די לאָגיק, גלויבן מיר, אז די מאַכט־האָבנדע וועלן האָבן א סך צרות אין מאָביליזירן זייערע ארמייען.

ווער וועט זיך לאָזן איצט באַוואוסטזיניק מאָביליזירט ווערן, געשיקט ווערן צום שלאַכט־פראַנט און פאַרוואַנדלט ווערן אין קאַנאָנען־פלייש?

די וועלט איז איצט קליגער געוואָרן.

און דאָס ווייסן גאַנץ גוט די רעגירונגס־דעה־זאָגער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

דערפאַר באַמערקט מען א נעגנערשאַפט צו דעם איטאַליעניש־אַביסינישן סכסוך אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און אויך אין די פאַראייניקטע שטאַטן דא ביי אונז אין לאַנד האָט מען אין סענאַט דורכגעפירט אפילו א נייטראַליטעט־געזעץ, לויט וועלכן עס וועט פאַרבאָטן די

הילף

צו די נויטבאַדערפטיקע

זייער וויניקע פון אונז האָבן אָפּגעבראָכן זייערע פאַרבינדונגען מיט די מזרח אייראָפּעאישע לענדער, ווי רוסלאַנד, פוילן, לאַטוויא, ליטא, רומעניען, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, אָדער מיט דעם מזרח — פאַלעסטינע.

פילע פון אונז האָבן נאָך דאָרט אונזערע נאָענטע און טייערסטע, וועמעס ביטערע נויט פאַרשאַפט אונז גוואַלדיקע זאָרגן. צו באַפרייען זיך פון דיזע זאָרגן איז צו טאָן איין זאַך—זיי העלפן.

אָבער א גרויסע פּראָבלעמע איז אויך ווער זאָל זיין דער זיכערער, פאַראַנטוואָרטליכער און צוטרויענסווערטער שליח, ווייל דער קלענסטער טעות און די געלד זענדונג קומט ניט אָן אויף דעם געהעריקן פּלאַץ.

א באַזוך אין דער באַקוועמער פאַר אייך ליבערטי ניישאַנאַל באַנק, וועלכע געפינט זיך אויף רוזוועלט ראָוד און קעדזיע עוועניו, וועט אייך געבן דעם צופרידנשטעלנדן ענטפער, אויף דער פראַגע וואָס איר זוכט צו לעזען. דאָרט וועט איר קריגן די נידעריגסטע רייטס, פעהיגע און טיכטיגע מענעדזשמענט, געהעריגע אויפמערקזאַמקייט און פּינקטלאַכע דורכפירונג פון אייערע אויסלענדישע געלט זענדונגען.

Liberty National Bank

OF CHICAGO

רוזוועלט ראָוד און קעדזי עוועניו

א מעמבער פון פעדעראַל רעזערוו סיסטעם

פּאַלמער און לאַוערס טשאַפּעל

שלמה פּאַלמער, מענעדזשער

704 ס. קראָפאָרד עווע. — — טעל לאָנדייל 7100

דיזעלבע ראַיעלע און פּאַרזיכטיקע אויפמערקזאַמקייט וואָס האָט כאַראַקטיריזירט לאַוער'ס אַלע יאָהרען, שטייט צו אייער דינסטע אין מאָמענט פון אומגליק.

PALMER & LAUER'S CHAPEL
704 South Crawford Ave.
Tel. Lawndale 7100

ROOSEVELT HALL

האָלס צו פּאַרענטן, פאַר מיטינגס באַנקעטן, חתונות און אַלערליי פּאַרטיס און אונטערנעמונגען.

מיר קייטערן צו רעסעפּשאָנס און באַנקעטן, דאָס איז אונזער ספּעציאַליטעט. — טייבלס און טשערס צו פּאַרדינגען צו זייער מעסיגע פּרייזן.

3437 וועסט רוזוועלט ראָוד
טעלעפאָנס ראָקוועל: 1435-5762

Greetings of the Season

Nat. Hirschfield

Greetings of the Season
CHARLES NELSON
of the
LAWNDALE THEATER

דער באַקאַנטער טעאַטער מענעדזשער ווינטשט אַלע זיינע צאַלרייכע פריינט א גליקלאַכן, געזונטן נייאָר.

Greetings of the Season
To All My Friends
HERMAN NELSON

Greetings of the Season

PANCOE BROS.

גראַטש אָנדערטייקינג קאָ.

דער איינציקער אָרטאָדאָקסישער אידישער טשעפּל אין דער נאָרדוועסט סייד מיט א רעפרידזערייטאָר לופט קיהלונגס סיסטעם.

בלע המות לנצח

מיר זיינען אימשטאַנד צו געבן די ביליגסטע פּרייזן, ווייל מיר האָבן נור איין טשאַפּל און אונזער איינענע אויסשטאַטונג. לויות דורכגעפירט לויט דעם אָרטאָדאָקסישן דין

אַרטהור מאַנדעל, דירעקטאָר.

GRATCH UNDERTAKING CO.
2235 וועסט דיוויזאַן סטריט
טעלעפאָנס: בראַנזוויק 5900 און האָמבאָלדט 8412

די אָריגינעלע

דזש. וויינשטיין און סאָנס

אָנדערטייקערס

עטאַבלירט ביי דזשייקאָב וויינשטיין אין יאָר 1884

3654-60 וועסט רוזוועלט ראָוד

טעלעפאָן ווען ביזי 2-1-2700

מייער וויינשטיין — עמיל ס. פרידמאַן
הירשע וויינשטיין

J. WEINSTEIN & SON
Undertakers
3654 West Roosevelt Road

פאַראייניקטע שטאַטן דאָס אריינמישן זיך אין דעם סכסוך, און אויך דער פאַרקויף פון אַמוניציע צו איינער פון די זיך אַרומרייסנדיקע לענדער

פון אויבנאויף זעט עס אויס, אז די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער ווילן ניט קיין קריג.

אויך דאָס איבערגעבן פון די נאַפט קאָנצעסיעס צו די קאַפּיטאַליסטישן פון ענגלאַנד און אַמעריקע, זעט אויס צו זיין א מיטל צו פאַרמיידן א מלחמה. איטאַליען, הייסט עס, וועט ניט וואַגן צו פאַרניכטן נאַפט־קוואַלן, וועלכע באַלאַנגען שוין איצט צו אַזעלכע לענדער ווי ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָבער דאָס זאָגט אונז די לאָגיק, און עס קאָן דאָך אויך מעגלאַך זיין, אז אָט גראַדע דאָס איבערגעבן פון די נאַפט־קוואַלן־קאָנצעסיעס דורך אַביסיניען צו ענגלאַנד און אַמעריקע, איז נאָך איינער פון די כיטרע מיטלען פון די קאַפּיטאַליסטן פון די צוויי אויבנדערמאָנטע לענדער, אַריינצושלעפּן די וועלט וואָס שנעלער אין א נייען קריג.

די קאַפּיטאַליסטן דיינקען מעגלאַך, אז דער אַוואַנ־טוריסט־פאַשיסט מוסאָליני, וועט זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך און אָנהויבן זיין טרויעריקן קריגס־מאַרש און מיט דער מלחמה פאַרניכטן דאָס פּריוואַטע אַמערי־קאַנער און ענגלישע אייגנטום. דאַן, גלויבן אפשר די קאַפּיטאַליסטן, וועלן זייערע לענדער מוזן אַריינגעשלעפּט ווערן אין קריג, און זיי וועלן דערביי פּראָפיטירן דורך דעם פאַרקויף פון אַמוניציע.

זיי ווייסן גאַנץ גוט וועגן די פאָלגן פון א נייער מלחמה. אָבער ס'איז גאַנץ מעגלאַך, אז דאָס אַרט זיי ניט. דערווייל וועלן זיי שלאָגן קאַפּיטאַל, וואָס שפּעטער וועט זיין, וועלן זיי שפּעטער זאָרגן.

ס'איז שווער צו זאָגן, ווי אַזוי דער אַביסיניש־איטאַליענישער סכסוך וועט זיך ענדיקן.

די צייט וועט איר וואָרט זאָגן.

דער ראַטן־פאַרבאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטן.

די רעגירונגען פ ו ן דעם ראַטן ־ פאַרבאַנד און פון די פאַראיי־ניגטע שטאַטן טאַנצן איצט א ברוגז־טאַנץ. מיר זיינען אָבער גאַנץ רואיק און זיכער, אז ס'וועט ניט נעמען לאַנג און דער ברוגז־טאַנץ וועט זיך ענדיקן מיט אן איבערבעטן זיך, און דער „לאָמיר זיך איבערבעטן" וועט קומען פון דער אַמערי־קאַנער רעגירונג.

די צוויי רעגירונגען האַלטן אין איין שיקן זיך „נאָטעס". די ערשטע נאָטע, פול מיט מאָדנע טענות, איז געקומען מצד דער אַמעריקאַנער רעגירונג. מען פּראָטעסטירט דאָ קעגן רוסלאַנד'ס אַריינמישן זיך אין אינערלאַכן לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן. אין דער נאָטע האָט מען געלאָזט וויסן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, אז רוסלאַנד מוז האַלטן דעם צוזאָג, וועלכער איז געגעבן געוואָרן רוזוועלט'ן פון מאַקסים ליטווינאָוו'ן, אז דער ראַטן־פאַרבאַנד וועט זיך ניט מישן אין די אינערלאַכע אַנגעלעגנהייטן פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן.

די נאָטע איז געשיקט געוואָרן גלייך נאָכדעם ווי ביי דעם קאָנגרעס פון די קאָמינטערן אין מאָסקווע איז דערקלערט געוואָרן וועגן די צוקונפטיקע פּלענער פון קאָמינטערן איבער דער גאַנצער וועלט.

די נאָטע האָט פאַראורזאַכט אַף דער גאַנצער וועלט א סענזאַציע, און אַלע האָבן מיט אומגעדולד דערוואַרט צו הערן דעם ענטפער פון ראַטן־פאַרבאַנד.

און דער ענטפער איז געקומען, און דאַן האָט די גאַנצע וועלט דערפילט, אז די פירער פון דער ראַטן־רעגירונג זיינען ניט נאָר די יעניגע, וועלכע בויען א ניי־לעבן, א נייע אָרדנונג און א נייע געזעלשאַפט, נאָר, אז זיי זיינען אויך דיפּלאָמאַטן פון ערשטן ראַנג.

רואיק און קאַלטבלוטיק האָבן זיי צוריקגעוויזן די טענות פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. זיי האָבן דער־קלערט אין זייער ענטפער, אז די טענות זיינען אינגאַנצן פאַלשע, ניט באַרעכטיקטע.

ליטווינאָוו, האָבן זיי געזאָגט, האָט אין זיין אָפּ־מאַך, גערעדט נאָר פאַר רוסלאַנד און ניט פאַר דעם קאָמוניסטישן קאָמינטערן.

אויב שיקן פּראָטעסט־נאָטעס, לויטעט דער ענטפער פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָט די רוסישע סאָוועטן רעגירונג געדאַרפט שוין שיקן צו אַמעריקע א סך נאָטעס.

דער ראַטן־פאַרבאַנד ווייס גאַנץ גוט וועגן די גיפ־טיקע אַגיטאַציעס, וועלכע ווערן אָנגעפירט קעגן דעם סאָוועטן רעזשים אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

די קאָמפּאַניעס, וועלכע ווערן אָנגעפירט אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, טוען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין גוטס ניט. אָט די אַטאַקעס האָבן עקאָנאָמיש דער סאָוועטן רעגירונג שטאַרק געשעדיקט, און דאָך האָט זי ניט פּראָטעסטירט.

דער ראַטן פאַרבאַנד האָט געהערט וועגן די שווינ־דלערישע ליגנס פון הונגער אין אוקראַינע, וועלכע ווערן פאַרשפּרייט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, און דאָך האָט די דאָרטיקע רעגירונג קיין איין נאָטע ניט געשיקט.

אָט דער קלוגער סאָוועטישער ענטפער האָט אָפּגע־קילט דעם אַמעריקאַנער צאָרן. די צווייטע נאָטע איז שוין א שוואַכערע, אַזאַ וועלכע האָט געמוזט געשריבן ווערן צוליב יוצא זיין. די איבעריקע נאָטעס, אויב זיי וועלן געשיקט ווערן וועלן זיי זיין נאָך שוואַכער.

און דער ברוגז־טאַנץ וועט אויפהערן, און אַמעריקע וועט מוזן ווערן די איבערבעטעריו, ווייל אַמעריקע האָט איצט צו טאָן מיט א רעגירונג פון ערלאַכע אַרבעטער, מיט א רעגירונג, וועמעס פירער זיינען ניט קיין היפּאָ־קריטן, און וועלכע האָבן זיך אין דער לעצטער דעקאַדע ענטוויקלט צו זיין זייער קלוגע און ערנסטע דיפּלאָמאַטן.

מען רופט אונז פּראָווינ־ציאַלן, און פאַרוואָס טאַקע ניט?

די שיקאַגאָ'ר ליטע־ראַטן האָבן פּיינט דאָס וואָרט „פּראָ־ווינץ". זיי ה אָ ב ן שטאַרק פאַראיבל דערפאַר, וואָס נויאָרקער האָבן זיי געקרוינט מיט'ן נאָמען „פּראָווינציאַלן". און וואָס מיר זאָלן ניט האָבן אויפגעטאָן דאָ, גיט מען אונז אַלץ ניט די „גרויסשטאָטישע" אָנערקענונג, און מען האַלט נאָך אונז אַלץ פאַר „פּראָווינציאַלן".

די שיקאַגאָ'ר ליטעראַטן האָבן אין די לעצטע פאַר יאָר באַוויזן, אז כאָטש זיי קומען פון דער „פּראָווינץ" האָבן זיי איניציאַטיווע, ענערגיע און אונטערנעמונגס־גייסט. עס האָבן זיך געגרינדעט פאַרלאַגן. עס האָבן זיך ענטוויקלט שריפטשטעלער; זיי זיינען געוואָרן מער שעפעריש.. די ליטעראַטן האָבן געשאַפן פאַר זיך אייגענע פּלאַטפאָרמעס. זשורנאַלן און נייע ביכער האָבן אָנגע־הויבן צו דערשיינען.

מיר אין שיקאַגאָ האַלטן די ליטעראַרישע נויאָרק אויך פאַר א „פּראָווינץ", אפשר א גרעסערע „פּראָווינץ" ווי שיקאַגאָ, אָבער דאָך א „פּראָווינץ".

דאָרטן קומען פאַר א סך זאַכן, וועלכע שאַפן א רעוואָלוציע אין א גלאָז וואַסער.

אָט האָט א פּאָעט ערגיץ וואו געוואָגט קרוינען אונזערן א דיכטערישן גאון מיטן נאָמען „הייליקער". האָט א נויאָרקער דיכטער שטאַרק פּראָטעסטירט, און פרעגט שוין ניט וואָס עס איז פאַרגעקומען — א גאַנצער שטורם. חדשים־לאַנג, אז מען טומלט זיך שוין וועגן דעם.

אָט האָט נויאָרק א גרופּע „אינזיכיסטן", וועלכע טומלט א וועלט, ווייס ניט וואָס זי וויל, און רייסט זיך מיט אַלע כחות צו זיין „גרויסשטעטיק", אומות־העולם'דיק.

דאָס איז אַלץ דער סך־הכל פון קליינשטעטלדיקייט און טראָגט דעם שטעמפּל פון דער פּראָווינץ.

אונזער מיינונג איז, אז אַזאַ לאַגע ווערט אַלעמאָל געשאַפן פון מאַנגל אין ברייטן פאַרנעם.

שיקאַגאָ ליידעט אויך פון מאַנגל אין ברייטן פאַר־נעם, און דערפאַר מעגן אונזערע ליטעראַטן גערופן ווערן מיט דעם פון זיי פאַרהאַסטן נאָמען „פּראָווינציאַל".

ביי אונז קאָנען אַלע זאַכן ווערן מעגלאַך.

איר וועט דאָ געפינען ביי אונז נויאָרקער „ליטע־ראַטן", וועלכע האָבן שוין יאָרן־לאַנג גאָרניט געשאַפן, זיינען געקומען אַהער, זאָגן אז זיי זיינען „מאָדערנע גאַנדי'ס" און פּרעדיקן נאָר דעם אמת; האָבן זיך אַרומ־גערינגלט מיט נאַאיווע „גלויביקע", ביי וועלכע זיי פירן טישן.

ביי אונז אין שיקאַגאָ, איז מעגלאַך צו ווערן א דיכטער פון „כינעזישע" לידער און אַריינגענומען ווערן אין „נויאָרק", פּשוט צוליב דעם וואָס אָט דער כינע־זישער" פּאָעט העלפט דעקן די הוצאות.

ביי אונז פעלט אויך אַזאַ זאַך ווי לאָיאַליטעט. דאַנקבאַרלאָזיקייט הערשט דאָ.

מיר ווערן דאָ זייער לייכט זעלבסטגעקרוינטע גדולים. מיר זוכן ניט קיין דיפּלאָמען אָדער אָנערקע־נונגס ־ אַטעסטאַטן. מיר האָבן באַשלאָסן צו ווערן „גדולים" און מיר ווערן. אַזוי ווילן מיר.

מיר ווערן „קאָנסטרוקטיווע" קריטיקער אַף א יאָר צייט, און צאָלן פופציקער פאַר צינדן ליכטלאַך ביי א יובילײ־באַנקעט אום צו שפּילן א ראָליע, און ווערן א גדול.

מיר האַלטן אַף יאָרצייטן נאָך גרויסע דיכטער אַף אן אמת דיכטערישן אופן — גאַנץ אימפּולסיוו.

א פּאָר שעה פאַר ליכט־בענטשן רופט מען צוזאַמען א מנין מענטשן און מען קומט זיך צוזאַמען און מען הערט א כהן גדול מאַכן א הספד נאָך דעם דיכטער, און דערנאָך... פּאַרטרינקט מען מיט קאַווע.

אָט אַזעלכע זאַכן ווערן ביי אונז ניט בייזוויליק, נאָר נאַאיוומעסיק אָפּגעטאָן.

עס פעלט אונז דער ברייטער פאַרנעם, און דערפאַר מעגן מיר גערופן ווערן „פּראָווינציאַלן".

יוסף טראַכטנבערג (בריטשאַן).

(פּאָעמע)

ק צ ב י ם

א.

יידן, רויט־האָריקע, מגושמדיקע — גראָבע, מיט אַרויסשטאַרצנדיקע בייכער, ווי יאַטקע־קלעצער,
די לייבער — פאַרוואַקסענע ווי בּאַ חיות, די פּנימער — ווי רויטע פּאַטליזשאַנעס...
ס'שפּרודלט פון זיי מיט גבורה און מיט חוצפּה, פון ווילדע, בערגיקע טשובאַנעס
און ס'רינט תמיד פון די פאַרשמאָרצעוועטע בגדים, מיט שמאַלציקן חלבדיקן פעטס.

באַשפּרינקלט מיט פריש־בהמיש בלוט, באַשפּריצט מיט פליסיק־רויטן גאָלד,
קיילן זיי אַף טריפה א לעמל, אַף אייגענער, יאַטקישער שוועל,
ווי כוהנים, להבדיל בּאַ דער עבודה, זיי שינדן אָפּ פּאַמעליך די פעל
און באַלעקן זיך הנאהדיק: ניט קיין פלייש, נאָר סאַמע שמאַלץ!

באַלאָדענע מיט העק, זיי שטייען אין די יאַטקעס, און די אָקסן זיי צעהאַקן און צעפּערטלען,
טרייבערן זיי די נאַכ־צאַפּלדיקע שטיקער פלייש און צעהענגען אַף די אַלטע, טערקישע לאָדן
און די שטאַרקע שטיקער ביין, גיבן מיט א בראַזג, זיך הילכעדיק א צעטראַסק.

און מיטן המון יידענעס, זיי האלטן זיך אין איין חכמהנען און ווערטלען:
העי, פריש פלייש אנגעבראכט פון בוינע, ווי טייערער, ערשט אפגעבאקענער פלאדן
און שנייצן די פארפלאמטע, רויטע נעז און ווישן אייליק אין שווארצן, קליידערדיקן בליאסק.

ב.

ווי די הינט אין תמוז, פארשמאכטע, לעכצנדיקע, מיט נאכהענגענדיקע, לאנגע לעקער,
וואס דרייען זיך ארום די יאטקעס און פאר'חלש'טע דארטן, נאך פרישן דערקוויקנדיקן בלוט
אזוי זענען זיי אף מארקישן יאריד, די אויגן מיט פיבער און מיט גלוט
און ווי די טשאטרעס וועלף, באפאלן א בהמה פון אלע עקן . . .

און זייערע מוסקוליעזע הענט, אנגעצויגענע ווי שטריק, מיט קורצע, פעטע פינגער,
באטאפן מבינותדיק ס'שטיק, און קוועטשן די אייטערס די שטייף־רייפע
און שאצן אפ די פעל און ס'פלייש און הכל־בכל, אף כשר און אף טריפה
און ס'איז זייער בליק אזוי בעטלעריש רחמנותדיק, ווי אין א יארנלאנגן הונגער . . .

און אינדער אנגערייכערטער שענק, וואוהין מ'כאפט זיך אריין „באגיסן די קניה",
קלאפן זיי זיך גוט־ברודעריש אין פלייצע, און ווערן עפעס מילד
און זייערע קערק און פעטע פנימער — אנגעשוואלן און רויט ווי בא א שרפה.

נאר אין דער „בוינע" ווערן זיי צוריק שטייף, דער כעס גיט זיי א ברי,
און כאפן זיך צו די אקסישע „אדערן", די אויגן ווערן אנגעלאפן און ווילד
און די יאטקע־גאס, ווערט פול מיט טשאטנדיקע הינט, ווי אין א לעמערישער מגפה . . .

ג.

נאר מאכט זיך א חתונה בא איינעם, בעט זיך די גאנצע קצבישע משפחה, דאן איבער,
מ'פארגעסט קנאה־שנאה, איבער אן אויסגעדינגענער קניה און צונעמען א קונה,
ס'גאנצע קצבישע געסל גרייט זיך לאנגע וואכן — ניט ווערן מבויש פארן היימישן שונא . . .
און ייִנגען און מיידן, גאנצע ווינטערדיקע שבתים, לערנען זיך טאנצן אין ווארעמע
קצבישע שטיבער.

דריי טאג האלטן אין איין שעכטן, פאר דער גרויסער חתונה־סעודה,
אין ברייטן הויף פראוועט די חתונה, ס'לייכטן רויט־פלאמיקע שטורקאצן,
א צייגיינער קאפעליע, שפילט א פריילעכס, מ'ווינטשט חתן־כלה, יידישלעך הארציק:
„גאט זאל אייך בענטשן, איר זאלט ניט דארפן צו קיין מענטשן און זיך פירן ווי אמת'ע יידן".

צעשויבערט די רויטע משאפריגעס, צעווארעמט פונעם רויטן וויין,
מ'כאפט זיך פלוצים קושן, מ'פילט זיך מיטאמאל פריי און אויפגעבונדן
און שטיוול הייבן זיך צום טאקט, דרייען זיך אין טאנץ, נעשווינטער געשווינט.

און ס'פינטלען שטערן איבער זייערע קעפ מיט בלוילעכן שיין
ס'זענען ביז קאיאר, אלע אויגן צעפונקלט, אלע הערצער צעצינדן,
ווען מ'איילט זיך גיך אין „בוינע" און ס'קילט זייערע צעהיצטע לייבער, דער פרי־
מארגנדיקער ווינט . . .

ד.

זומער, ווען ס'פאלט צו פאמעליך דער אוונט, ס'לאזן זיך אראפ די אלטע טערקישע לאדן
דער געוויש ווערט קלענער און ס'ציילן דעם פדיון און שעלטן, די מידע קצבים
פ'פארוקן זיך אין זייערע לעכער, גרייט צום גיין שלאפן, די זאט־אנגעפרעסענע כלבים
און די מאמעס קערן זיך אום פונעם מארק, מיט כלי־גוטס, אין די קיישלעך אנגעלאדן

דעמלט איילן די זקנים צו מעריב און סקלינגט זייער קול, ווי א פארזשאווערטע זעג
און פילן אז ס'קלייזל מיט שמוישן־געשטאנק און רעש פון יארידן
און נאך דער זאטער וועטשערע, צעלייגטן זיך אף די פיצינעס, פארהארעוועטע, מידע
און ביזן גיין־שלאפן, ציילטן די שטערן און טראכטן וועגן גוטע, פארגאנגענע טעג . . .

אין אזוינע אוונטן, שארן זיך ארויס די ייִנגען אפן שפאציר, פלאמיק־צעגליטע,
און דריקנדיק געזונטע מיידן אין זייערע ארעמס, מורמלען זיי שטיל: זאל מיין טאטע
אפילו ניט וועלן,

זאליך איינעמען א מיתה־משונה, ווי כ'וועל דיך קיינמאל ניט פארגעסן!

און נאך דער חתונה בייגטן שטיל דעם קאפ, ווי אקסן פאר דער שחיטה
און שפאנען זיך איין אין יאך פון וואך, פון קאיארן העלן
און צעשלאגן זיך אפן מארק, ווען ס'נעמט א בענקשאפט, באזונדערס זיי פרעסן . . .

ב. ריווקין

וואו איז דער אויסוועג פאר לוצקין?

(און וועגן דעם אוצר, וואס איז צו געפינען אינמיטן „בראשית אינמיטן")

(צווייטער ארטיקל)

מע דארף ניט אורטיילן וועגן לוצקיס „בראשית אינמיטן" לויט די זיבן אריינפירן, וואו די פרעטענזיע איז, אז ער גיט די תורה נאכאמאל. ער קלעטערט צו זיין בארג סיני אויף די הערעלעך פון ווערטער, און זיין בארג סיני מיט זיין תורה צוזאמען גייען פארלארן אין א האר־געוועבס. דארט וואו ער קלעטערט אראפ פון ווערטער אף זאכן, איז דער אלטער פרישער לעבעדיקער לוצקי ווידער מיט אונז, און ער שפילט מעשה־פאנטאזיע אויף זאכלעכקייטן.

אם גליקלעכסטן האבן אפגעשניטן די צוויי מיטלסטע סדרה'ס: — „קאמף אין דער טויטער וועלט" און „קאמף בא די לעבעדיקע מינים" — ווייל גלייך פון אנהויב האבן זיי צו טאן מיט קאנקרעטע זאכן — סיי טויטע, סיי לעבעדיקע זאכן, פאר לוצקין איז דאס אלץ איינס. אפילו די נעמען פון די סדרה'ס זיינען זאכלעכע, און לוצקי דארף זיך ניט מאטערן אויסצוקליגלען „געהיימנישן" — „געהיימען אין דער וועלט".

אין די אריינפירן צו די צוויי סדרה'ס פרובט אפילו לוצקי ווי עס איז צוקלעפן זיי צום „וועלט־סיסטעם" פון „בראשית אינמיטן" —

„אומעטום איז דא דער קאמף פון גרויס און קליין. אלעמאל וועט זיין מלחמה פון אינאיינעם און אליין. פונם ווילן און פארשטיין. פון נשמה און געביין. פאר דער שרעק פון אונטערגיין" — דער אריינפיר צו דער ערשטער סדרה „קאמף אין דער טויטער וועלט"; און א בליציקערער אריינפיר צו דער צווייטער סדרה: — „קאמף בא די לעבעדיקע מינים" — בליציקער, ווייל עס האט צו טאן ניט מיט הארטע שפענער פון אידייען, נאר מיט שארפע שפליטערס פון איינדרוקן.

„באשאף איז איבערראש. — אנטפלעק. יעדער באשאף איז שרעק. אפילו איבערראש פון פרייד — איז מורא. יעדער ווערן — ווערט געבארן מיט א מורא. מיט דער מורא, וואס האט אויפגערודערט בראשית" —

און אפילו ווען די צוויי אריינפירן פרובן אויפהייגען די סדרה'ס אויף די הוקן פון מעשי בראשית, אבער די קאנקרעטע זאכן זיינען צו נאענט בא דער האנט, זיי זאלן קאליע ווערן דורך דעם באריר מיט די אבסטראקציעס. די זאכלעכקייט איז אומעטום גובר אפילו וואו לוצקי גנבעט זיך מיט אן אידייע. אפילו די פסוקים־אפאריזמען, מיט וועלכע סדרה'ס זעווינלעך הויבן זיך בא אים אן, — די אבסטראקציע־פעדים, אויף וועלכע די סדרה'ס זיינען אנגעצויגן — זיינען זאפטיק־זאכלעך:

„אין בוים־פארבויג איז דא פארנויג צו ערד" — „אין בארג־באנעם איז דא פארנעם צום הימל" — „אין יעדן ווארף אוועק איז דא געשריי: וויי. אין יעדן בראך איז דא דער קראך: אך!" — „א פייערדיקער פאפיראס אין וואסער שרייט אויס זיין לעצטן אויסגעשריי־געבעט פארן טויט: אוי!"

עס איז א גרויסער ספק צי דא איז פאראן א סך מעשי־בראשית־דיקער „קאמף"; זיכער איז דא א שטיק נשמה ארויסגעקוועטשט פון א לעבעדיקן איינדרוק לשם „אידייע"; אבער דער אפקלאנג פון לעבעדיקן איינדרוק הערט זיך נאך דייטלעך; און אזוי גיך לוצקי פארגעסט צו „אידייאיזירן", קריגן די זאכן די אויבערהאנט, און עס באקומען זיך לידער, אין וועלכע לוצקי לאזט זיך וואוילגיין אויפן אלטן לוצקי־שטייגער. און מערערע פון זיי דוקא מיט בולט'ע מעשי־בראשית־סימנים, אויפגעשפילטע, דראמאטיזירטע —

„א שטויב בעט א שטורם, ער זאל אים דערהויבן, ער זאל אים דערלויבן צו ווערן זיין קינד" — „ווינטן אן אומרואיקע ראסע. א פאלק פון גאלע אימפעט. רוען הייטס בא זיי געשטארבן" — אהער קומען אויך אריין דער אויבן ציטירטער „דונער", און בליצן, פייערן, וואסערן . . . .

„בליץ—צוקט. צוק—צייגט: אינמיטן נאכט צעצינד איך וואלד. אינמיטן טאג דערשרעק איך וועלט".

„א רעגן רעדט—און רעדט—און רעדט—די קלוגע רייד פון אלעמאלן".

„פייער—שרייענדיקער סוד. פייער פלאקערט מיט אן אויפגעהעלט־געהיים. פייער ליארעמט מיטן עכא פון די הימלען. לויטער שרעק. ליכטיקע געפאר. צאפלדיקער שטאר".

„שטייעדיקע וואסערן.— תמיד־דא. — תמיד־דו.— תמיד־אומעט. — תמיד־שימל. — תמיד־דרימל".

די געפאר איז דא — א ליכטיקע געפאר — די גליקלעכסטע געפאר — די לידער זאלן אין גאנצן זיך פארגעסן, אז זיי געהערן צום „וועלט־סיסטעם" פון „בראשית אינמיטן" — און לוצקי זאל זיך צעטאנצן מיט ווארט־פאנטאזיע אויף א זאך, ווי קיינמאל „בראשית אינמיטן". וואס מיר, ווער מיר מעשי־בראשית־סימנים — ווער דארף זיי אין גאנצן! — מען שפילט אוים א דראמעלע־פאנטאזיעלע אויף א בינעלע־זאכעלע, פאר דער אונטערהאלטונג פון עולם, אין פולער זארגלאזיקייט — ווי אין די גוטע אלטע צייטן. — צוויי פייער־לידער:

„א ברייטער פייער שפרייט די הענט צערייצט — ער

ווייל די גאַנצע הויז פאַר זיך אַליין".—און „דריי באַגייס־
טערטע פלאַמען שפּאַנען אויפן דאַך צו א וואַלד" —
די צוויי „פייערן" וואָלטן געקאָנט פאַרנעמען דעם
סאַמע אויבנאָן אין „אומעטיק און פריילעך" — אין
סאַמע שכנות מיט די טעפּ, וואָס קאָכן בעבלעך.

נאָך מער אַזעלכע זאַרגלאָזע פאַנטאַזיע־שפּילן —
אומעטיק־פריילעכע שעדעוורען — וואונדערקינד־לידער
פאַר דערוואַקסענע אידן מיט בערד — געפינען מיר אין
דער סדרה „קאַמף בּאַ די לעבעדיקע מינים". — וואָס
פאַר א קאַמף איז דאָרטן, ווייס איין גאָט און לוצקי —
אָבער אַז מען קאָן א קינסטלערישן מאַריאָנעטן־טעאַטער
אויפהאַלטן אויף זיי — דאָס איז בּאַ מיר קיין פראַגע ניט.

די סעריע „פליגן": — א פליג איז קלוג" —

„דאָס קלענסטע פליגעלע איז ראַפינירט, עלעגאַנט,
קלוג און אײדל".

„א פליגעלע בּרויזט אין א פויסט: אוי, לאָז מיך
אַרויס".

„די פרייד פון א פליג" און „א פליג אַן עראָפּלאַן"
— און צום מזלדיקן לעצט — „א מילב שטודירט די
וועלט". —

„א מילבּעלע שפּאַצירט אַרום א בּרויט, און זעט
זיך אָן מיט ווילדערנישן, ווי אַרומגערייזט דעם אוני־
ווערז. פּלוצים בּלייבּט זי שטיין. רעדט זי מוראַדיק צו
זיך אַליין: ווייטער ניט צו גיין. שוין. ענדע וועלט. —
א וואַנט!"

דאָס איז דער אוצר, וואָס איך האָב מיר צוגעזאָגט
גלייך פון אָנהויב צו געפינען אינמיטן בּוך, און וואָס
דערפאַר טאַקי לאָזט זיך זאָגן, אַז אין „בּראשית אינמיטן"
איז לוצקי אינמיטן... בּוך.

די פראַגע איז נאָר, ווי קומען די לידער אינמיטן
„בּראשית אינמיטן"? לוצקיס גאַנצע וועלט־סיסטעם
איז אַרויסגעפאַלן פון אונטער די לידער ווי א דעק פון
געפּלאַצטן טאָפּ. סיידן מען זאָל אָננעמען פאַר גענוג
סמיכת הפּרשה דאָס, וואָס די פויסט פאַר דער פליג איז
ווי פאַר אונדז דאָס וועלט־געפענגעניש און א לאַבּן בּרויט
פאַר א מילב איז געגליכן צו אונזער ערד־קוגל — א זייער
דינינקע סמיכת הפּרשה. —

און נאָך א האַרבערע פראַגע: ווי קומט די גאַנצע
סדרה — וועגן די לעבעדיקע מינים — אין „בּראשית
אינמיטן" אַריין? אפילו די ערשטע קאַפּיטלען, מיט די
פּסוקים אַפּאָריזמען, וואָס זייער פונקציע איז צו זאָגן
תורה, האָבּן קיין בּרעקל בּראשית ניט אין זיך:

„א לייב דערשרעקט זיך פאַר א בּין. — גלאָצט ער
אויס די אויגן צו זיין לייבּעכע! איך האָבּ מורא!"

איז דאָס די „מורא, וואָס האָט אויפגערודערט
בּראשית"? — אָדער האָט עס א שייכות צום קאַמף
צווישן די צוויי מינים: לייבּ און בּין? — מיט וואָס איז
דאָס שטיקעלע תורה צוגעבּונדן צום סיסטעם — דורך
דאָס ווערטעלע „מורא"? — יאָ. דורך דאָס ווערטעלע
מורא!...

דאָס איז די סכּנה געווען, ווען לוצקי איז צוגעקומען
צו קאָנקרעטע זאַכן — דער „בּראשית אינמיטן" איז
אַרויסגעפאַלן פון סאַמע אינמיטן. — און איך גלויבּ
בּאמונה שלמה, אַז די סכּנה איז געווען לוצקין צום
גוטן.

די צווייטע סכּנה, וואָס האָט געלויערט אויף
לוצקין און וועלכע האָט זיך געמעלדעט, אַזוי גיך ער
איז צוגעקומען צו קאָנקרעטע זאַכן — שטאַמט אויך
ניט פון לוצקיס א חסרון, נאָר דווקא פון איינער פון
זיינע בּעסטע מעלות — פון זיין איינגעבּאָרענעם שפּראַך־
אינסטינקט: פון זיין שפּראַך־געלויפּיקייט, אָבּער אַנ־
דערש פון דער ערשטער סכּנה — אַז די קאָנקרעטע
זאַכלעכקייט וועט אויפעסן זיין מעשי בּראשית, וואָס דאָס
האָט סוף כּל סוף זיך אויסגעלאָזן צום גוטן; איז ניט
מעשי בּראשית, לכל הפּחות איז זיין פאַנטאַזיע געראַ־
טעוועט געוואָרן — אַנדערש פון דער ערשטער סכּנה,
האָט די צווייטע סכּנה זיך אויסגעלאָזן לוצקין צום
שאָדן; זיין שפּראַך־בּריה'שאַפט האָט אויפגעגעסן זיין
פאַנטאַזיע. זי האָט זייער שטאַרק אַרויסגעהאָלפן לוצקין
פערזענלעך, אָבּער אַרויסגעהאָלפן צום שלעכטן און צום
ערגערן.

און דאָס איז געווען די צווייטע סכּנה.

דאָרט וואו ער איז צו קורץ געקומען אין כּוח —
ער האָט ניט געקאָנט אויפהויבּן פון די זאַכן דעם
דערשפּירטן איינדרוק פון וועלט - רעטעניש; און
אַז אַנדער פאַעט וואָלט געפאַלן פון די פיס און וואָלט
אונדז געגעבּן געפאַלענע פּאָעזיע, אומלעזבּאַרע וואָרט־
קריכעריי; ווערטער־פּלעכטלער, וואָס פויזן אויפן בּויך;
דאָרט הויבּט זיך לוצקי אויף מעשה העלד־שפּראַך־
מייסטער, צעקוועטשט און פאַרפּלאָכט דאָס רעטעניש
בּיז צו אַן אידייע, און צעווינגט און צעטאַנצט און
צעהוליעט די פלאַכקייט, וואָס ער רופט „אידייע", מיט
וואָרטשפּילעריי.

עס האָט זיך ניט געפאָדערט פון לוצקין, ער זאָל
אומעטום אויסשפּילן וועלט־רעטעניש; ער זאָל בּאמת
אַנטדעקן און אַנטפּלעקן סוד פון בּאַשאַף: עס האָט זיך
פאַרלאַנגט פון אים דאָס, וואָס ער קאָן געבּן אויף א
בּילדלעך אַמוזירנדיקן אופן: שפּילט אויף צו־כּלומרשט,
אויף צו־פּלייסנס — עס זאָל זיך דוכטן, אַט מיניעט זיך
און שעמערירט פאַר די אויגן א רעטעניש...

עס זאָל זיך דוכטן, אַז עס איז דאָ א געהיימע
פריילעכקייט הינטער אַלע זאַכן און געשעענישן פון דער
וועלט; עמיצער זיצט אין בּאַהעלטעניש און שמייכלט
אויף אַלץ און אויף אַלעמען. לאָזט זיך גאַנץ חנוור־
דיק א שפּיל טאָן דערויף, אויף אַט דעם פריילעכן
רעטעניש. וואָס זשע טוט לוצקי אָבּער? ער נעמט דעם
ווייטסטן ווידערקול פון אַט דעם רעטעניש, דאָס וואָרט
פ ר י י ל ע כ ק י י ט, וואָס דאָס איז שוין הוילע
גאַרנישט, און וואָס לוצקי מיינט, עס איז אַן „אידייע", א
וועלט־פּרינציפּ — און צעקלינגט דאָס וואָרט מיט טאַצן,
פּויקן און טרומייטן —

דער ערגערער טייל פון די „געהיימען" און פון

די צוויי סדרה'ס „קאַמפּן" איז אַזאַ צעטאַנצטער און
צעהוליעטער און צעקלונגענער ווערטערדיקער ווידערקול
— אַנשטאַט און אויפן חשבון פון שפּיל־פאַנטאַזיע —
א ווערטער־מהומה אויפן רעטענישדיקן איינדרוק.

אַזוי איז דער בּאַרימטער „וואַסערפאַל" — בּאַ־
רימטער, ווייל לוצקי דעקלאַמירט עס אָפט און מיט
זעלבּסטזיכערן אַפּלאָמבּ. און צייטנווייז מיט נישקשהדיקן
עפעקט — די לעצטע פּרשה פון דער סדרה „קאַמף אין
דער טויטער וועלט" — איינגעטיילט אין עלף לייננערע
לידער־פּסוקים.

דער „וואַסערפאַל" קומט ניט אין פּאַטעטישן ווערט
צו דער קירצערער פּרשה פאַר דעם — „שטייענדיקע
וואַסערן". דער דערשפּירטער איינדרוק אין די „שטייענ־
דיקע וואַסערן" איז: „תמיד־דאַ. תמיד־דו. תמיד־שימל.
תמיד־דרימל" — (לוצקי דעקלאַמירט עס נידעריק, מיט
א צעצויגענעם אומעטיקן „בּו") — ניט קיין געוואַלטיקע
גוזמא פון מעשי־בּראשיתדיקייט איז אין דעם איינדרוק,
אָבּער ווער דאַרף עס? ווער מאָנט עס פון אים? דער־
פאַר אָבּער איז דער איינדרוק פונאַנדערגעשפּילט:

„נאָר די זשאַבּעס — ווייסטע בּאָבּעס — פליוד
און פליוד. פליוד און פליוד"

„נאָר די ראָקעס — מכשפות — בּלינדער בּליק.
קריק קאָריק"

„זומפּן־בּלומען — ניט צו שמעקן — נאָר אויף
חוזק דאָ צו שטעקן".

דער „וואַסערפאַל" האָט געזאָלט זיין אַן אויפשפּיל
אויף דער שפּירונג פון פריילעכקייט:

„א וואַסערפאַל איז פריילעך. — קוואַלט און פאַלט
און האָט הנאה. קוואַלט און פאַלט און האָט הנאה" —
(די צוויי ווידערהאָלטע זאַצן, מיט זייערע צוועלף
ווערטער, זיינען אויסגעשטעלט אין צוועלף שורהלעך:
א וואָרט א שורהלע, — כּדי עס צו דעקלאַמירן מיט די
אויגן: בּאַרג אַראָפּ).

„פליסט און פליסט, און רוישט און ציט, און ווערט
נישט אַלט, און ווערט נישט מיד".

אָנגענומען, אַז דאָס איז א גוטער אָנהויבּ: דער
איינדרוק איז אויפגעשפּילט. אָבּער מער קיין אויפשפּיל
איז ניטאָ. נאָר א הויבּן דעם איינדרוק אויף קלינגענדיקע
דרענגלעך — כּדי צוצעשלאָגן אין אויער דעם בּאַגריף
פון רוישיקער פריילעכקייט. —

רייסנדיק שטיקער געוויש פון די עלף לידער:

„„אַט א וואַקל, אַט א וויקל. אַט א שאַקל, אַט א
ציקל" — א בּוקל, א קוקל, א רוקל, א מרוקל, — „א
נעבּעטל, א געזידל, א געזאַנגל, א געגאַנגל,
א געיאָגל".

„ווידער צאַפּל, ווידער דראַפּל" — כּאַפּל, טאַפּל,
קוואַפּל, פּלאַפּל. — וועגן בּרויזן, וועגן וועלן, וועגן
שרייען, וועגן קוועלן".

„וואַסער, וואַסער, יאָג זיך ווייטער. דורך די ווייטן
— א בּאַנייטער. דורך די צייטן — א געלייטער". —

„אַט איז איבּער, אַט איז אונטער. אַט איז טיפער —
נאָך אַרונטער. אומעטום איז אונטערגרונטער".

און פון לעצטן עלפטן ליד:

„נאָך ניט אַלץ איז שוין פאַראיבּער. ס'איז נאָך מער
אין געבּליבּער — בּאַ צעוואָרפענע פאַרקליבּער" — בּיז
עס פאַרענדיקט זיך: — „וואַסער, וואַסער, פליס געפלי־
סער — טאַנץ פאַרויס און זינג פאַרויסער".

וואָס איז דאָס — ניט קיין ציען ווערטער־סטענגעס?
נאָר ווייל ער מאַכט עס קונציק, מיט ניי־אויסגעצופּטע
קלאַנגען פון זילבּן פון אַלטע ווערטער, פאַרטראָגן מיר
אַט דעם ווערטער־געוויש. און מעגלעך, אַז אַט די קונצנ־
מאַכעריי מיט ווערטער איז א נידעריקערע פאָרם פון
בּינע־קונסט, און דאָס דעקלאַמירטע ליד דערטראָגט זיך
צום עולם, וועלכער פאַרקוקט און פאַרהערט דאָס פעלן
פון געשפּילטער פאַנטאַזיע, וואָס איז די אמת'ע און
איינציקע אויסקויפערין פון ליד. אויבּ אַזוי, וואָלט מען
צו יעדער קאַפּיע פון „וואַסערפאַל" געדאַרפט צוגעבּן
לוצקין דעם דעקלאַמאַטאָר. אָבּער אַז לוצקין, ווען מיר
האָבּן בּלויז די קאָפּיע—איז ווען לוצקי איז ניט אַזאַ בּריה
מיט שפּראַך, וואָלט דאָך געווען ניט אויסצוהאַלטן פון
אַט דעם געקונציקטן געקלאַפּער, וואָס שטייט דאָ פאַר
ליד, און עס איז ממש ניט אויסצוהאַלטן פון זיין וואָרט־
קונצנמאַכעריי אין די אַבּסטראַקטערע טיילן פון „בּראשית
אינמיטן" — אין די אַריינפירן, וואו עס זיינען ניטאָ
קיין זאַכן אויף צו אימיטירן זיי מיט קלאַנג און זשעסט,
נאָר די אימיטאַציע איז מיט ווערטער נאָך ווערטער.

קומט דאָך אויס, אַז דער ערגערער טייל פון
„בּראשית אינמיטן" איז צו פאַרדאַנקען לוצקיס שפּראַך־
בּריה'שאַפט. וואָרום ווען ער איז ניט אַזאַ בּריה מיט
שפּראַך, וואָלט ער דאָך קיין כּוח ניט געהאַט צו זינדיקן,
און גוטע דריי פערטל פון „בּראשית אינמיטן" וואָלט
געבּליבּן ניט געשריבּן.

מוז דאָ אָבּער נאָכאַמאָל אונטערשטראָכן ווערן, אַז
עס איז ניט בּלויז קונצנמאַכעריי, נאָר גאָר אָפט איז עס
שפּראַך־מייסטערשאַפט בּפועל ממש, מיט וועלכער לוצקי
קויפט אונדז אָפּ. עס בּלייבּט אמת, אַז לוצקיס הויפּט־מעלה
— א הויפּט־מעלה — איז זיין וואַרימער שפּראַך־געפיל.
ער האָט זיינע אידישע ווערטער האָלט. און זיי גיבּן זיך
אים, און איינע צו די אַנדערע, אין האָלט־האָבּן. זיי בּאַ־
העפטן זיך ניט, סיידן זיי האָבּן זיך האָלט. זיי בּינדן
זיך אין נאַטירלעכסטער צוזאַמענגעבּונדנקייט.

„אַט א בּערגל דיר אינמיטן — פליס פאַרבּיי און
אויסגעמיטן"

„אַט א שפּענדל אויף דיין רוקן — נעם אים מיט
און זאָל ער קוקן". (פון פערטן ליד פון „וואַסערפאַליי)
א חוץ נאַטירלעכער געבּונדנקייט, נאַטירלעכן שפּראַך־
געלאַף — א חוץ דעם קעגנזייטיקן וואָילגעפיל פון די
ווערטער — איז דאָ עפּעס נאָך מער אין לוצקיס שפּראַך־
מיטלען. שפּראַך־אויסדרוק שטאַמט דאָך אויך — אין
בּאַגינען — פון חושים־איינדרוק. אויסדרוק און איינ־
דרוק זיינען לכתחילה איינס. לוצקיס שפּראַך־אויסדרוק

איז אין זיינע ווארצלען פארבונדן מיט זיין גרונט־נייגונג צו פאנטאזירנדיקער פארבילדלעכונג: עס איז גלייך פון אנהויב איינדרוק, וואס וויל אויפגעשפילט ווערן דורך מעשה. — פאר א באווייז, אז זיין שפראך איז אייגנטלעך ווי זיין גאנץ ליד, נעם איך א פאר שורות פון לוצקים אן ערשט בעסטן ליד:

„מיינע גלידער קניען זיך — און בעטן.
מיינע גלידער ציען זיך — און מאנען".
(גרויס געזאנג אין מיריי — פון
„אומעטיק און פריילעך", ז. 134)

אויב אזוי, איז ווען עס טרעפט, אז דער אינספירינדיקער איינדרוק, וואס האט געגעבן שטויס צום ליד, האט זיך אויסגעשעפט; דער געבורטס־טראפן פון דער געזאלט זיין מעשה אויפן איינדרוק האט זיך אויסגעבלאזן, און לוצקי דארף זיך באדינען מיט שפראך אליין — קאן ער זיך פאר א ווײַלע אויף איר פארלאזן, אז זי וועט זיין אנגעפינקלט מיט דעם ניצוץ פון דער פאנטאזיע, וואס האט געזאלט זיך ארײַנשפילן אין דער מעשה אויף צו קרוינען דעם איינדרוק.

אזוי איז „וואסערפאל", ריידנדיק צום צעשפרייטן וואלקען פון וואסער שטויב:

„און האגעלער וואס שנעלן. און כמארעס וואס פארשטעלן. און רעגנדלעך־מאמזעלן וואס טאנצן אין קאדרעלן. און שנייעלעך־נאדלען וואס פאלן און צעמעלן"

עס בלעזלט זיך מעשה, און פארויסלויפנדיק דעם „וואסערפאל" אין דער צוקונפט אריין:

„וועסט נאך אן א שיר געפינען. דא א שפיל און דארט א זינען. דא פארלוירן, דארט געוואונען. דא פארזאמלט, דארט צעשוואומען. דא געגעבן, דארט גענומען".

איך האק דא איבער, ווייל וואס ווייטער, טריקנט זיך דער איינדרוק אלץ מער איין און קוועטשט ארויס פון זיך אן „אידייע", וואס איז דער ווייטסטער אפהילך פון דעם רעטענישדיקן איינדרוק פון „וואסערפאל" — און די שפראך־בריהשאפט, וואס האט אים גאנץ געשמאק געדינט אין אנהויב ליד, גייט איבער אין קונצנמאכעריי באם סוף ליד:

„א געלויף פון אייביק פליסן. א געפלים פון וועלן וויסן. וועלן וויסן צו דערוויסן. אינם פליסן איז געניסן. אינם זוכן איז דאס וויסן".

פאר דער חכמה פון מוסר השכל — אינם זוכן איז דאס וויסן — איז דער גאנצער הארמידער פון „וואסער־פאל" הייסט עס? — אזוי אויך אין צענטן ליד פון „וואסערפאל":

„הויב זיך אויף און שפרינג אריבער. — שטערן שיינען נאר פון איבער. גיב א גלאנץ און גיב א פיבער. טו א טאנץ און קער זיך איבער".

האק איך איבער, ווייל עס פארענדיקט זיך מיט קונץ־געמאכטער „אידייעכץ":

„אין געאייל — איז ליבער טריבער. אויף דערווייל — איז טריבער ליבער. אלע ווייל — א ניי פאראיבער".

אף אזעלכע שטעלן פון „פאראידייעכטער" אימפרע־סיע־שאלעכץ — אויף „אידייעכץ" מיט איר אומפאר־מיידלעכער באגלייטערין, שפראך־אקראבאטיק, — וואלט דער „וואסערפאל" א רגע זיך ניט געקאנט האלטן; ער וואלט גלייך געפאלן פלאך צו דער יבשה. האלטן האלט ער זיך אויף יענע פאסאזשן, וואו לוצקים נאטירלעכער שפראך־שטראם האט פאר זיינע אנהאלטן זאכלעכע אויג־און־אויער־אימפרעסיעס. איז דער „וואסערפאל" לכל הפחות גענוג גוט פאר דעקלאמאציע. איז דאך דא א גאנצער וואסערפאל אויף צו זעטיקן די חושים. ווי זשע אבער איז דער דין מיט יענעם שטאף, וואס איז כולי אידייעכץ, הוילע אבסטראקציע, פון וועלכער עס איז ארויסגעפרעסט די נאצע חושים־זאפט? און דער שטאף מאכט דאך אויס איבער א העלפט פון בוך...
(די ארײַנפירן אליין פארנעמען איבער א דריטל פון בוך; און א העלפט פון די „געהיימען", כמעט די גאנצע סדרה „רעלאטיוון", און טאקע די גאנצע סדרה: „ויהי באחרית הימים").

בלייבט נאך א ווארט צו זאגן וועגן די דריי איבע־ריקע סדרהס. די סדרה „געהיימען". וואס גייט פארויס די צוויי „קאמפן" — און די צוויי וואס קומען נאך זיי — „רעלאטיוון" און „ויהי באחרית הימים".

ווייניקער געפלאנטערט, ווייניקער געפלאכטן, ווי די האריקע וואלקן־קראצערס — די ארײַנפירן — אבער צו דער קלארער, דורכזיכטיקער זאכלעכקייט פון די „קאמפן" קומען זיי ניט, הגם די צווייטע העלפט פון די „געהיימען" — וועגן בוימער, עפל און בית עולם — איז נאענט אין כאראקטער צו די „קאמפן".

די ערשטע העלפט פון די „געהיימען" באשטייט פון קורצע חכמה'ס, פסוקים־אפאריזמען, וואס די געהיים־נישקייט זייערע לאזט זיך אפלעקן מיטן שפיץ פון שפיץ־צונג. פארזוכט:

„אוואו מען קאן ניט זען, ווערט". — „דרויסן וואווינט ניט אויף דער גאס". — דאס פנים פון דער זון איז ניט צו זען". — פונדעסטוועגן פארוואלגערן זיך צווישן די פסוקים אפאריזמען, אין וועלכע דער פאפו־לערער ציטונגס־ארטיקל איז פארקיילעכדיקט געווארן מיט א שפיץ:

„טיף אין הימל איז די זון — א תהום פון חושך. א בליאסקעדיקער פחד".

ניט וויסנשאפט און ניט פילאסאפיע, און אודאי ניט קיין טייל פון א פילאסאפישן וועלט־סיסטעם. אפילו ניט פון סיסטעם „בראשית אינמיטן", נאר א פיינער לוצקי־בליק איז דאס ליד־פסוק:

„די לבנה שווימט אין הימל ניט צו לאזן עלנטן די ערד. ניט דערלאזן מרה שחורה אויף דער ערד".

אז ער האט דעם פאפולער־וויסנשאפטלעכן ארטיקל ניט דערלייענט ביזן סוף, איז צו זען פון ליד־פסוק: — „פלאנעטן וואגלען אין די ספערן מיט דערווארטונג אויף בראשית" — דאס מיינט מען מסתמא נאך ניט באשא־פענע פלאנעטן, אין צעשמאלצענעם אדער גאזפארמיקן

צושטאנד, און וואס זיינען דארום נאך גאר קיין פלאנעטן ניט. אבער ווער פארלאנגט וויסנשאפט פון לוצקין? — אפאריזמען זאל ער געבן; אפילו די שוואכערע פון זיי זיינען א טרייסט און א דערלייכטערונג קעגן די ארײַנ־פירן, כאטש צו לוצקים לידער קומען זיי ניט.

אין זעלביקן נוסח ווי די „געהיימען" זיינען די צוויי לעצטער סדרה'ס: — דער איינשטיינישער „פארמעסט" — לוצקי'ס רעלאטיוויטעטן. — אויף אנצוקוקן זיי:

„פלאך איז אויבעט טיף. טיף איז אויבנאויף. א טאל איז אויך א בארג. יעדער פארויס — איז צוריק. צוריק איז אויך א פארויס. ווייט איז נאענט. ווילד איז מילד. אומעטום איז אויבנאן. א טראפן איז בא זיך א ים. דער טיפסטער זין איז אפשר סתם".

אבער עס האט געמוזט זיין ניט קיין געגנג פאפו־לערער ציטונגס־ארטיקל, פון וועלכן לוצקי האט ארויס־געלייענט: — „דאס פלאכסטע פעלד — איז אונטן תהום. אונטער תהום — איז ווידער רוים. אונטער רוים — איז ווידער גרונט" — דאס פארהעלטניש דא צווישן תהום — רוים — גרונט — איז מטושטש. עפעס שטאמט עס פון יענער קליין־שטעטלדיקער צייט, איידער — איידער קינדער האבן געלערנט געאגראפיע, און אלע האבן אומ־שולדיק געגלויבט, אז די ערד איז פלאך און פארנעמט דעם גאנצן שטח פון וועלט־רוים. אבער מוחל! איך פאר־גלייך עס מיט די ארײַנפירן, און דער געדאנק קוקט מיר אויס ווי א פערל.

און די געוואלטיקע דעראבערונג פון „והיה באחרית הימים" — אז די מענטשהייט וועט געשלאגן ווערן אויפן זכרון, און וועט פארגעסן די גאנצע וועלט־געשיכטע, און לוצקי וועט זיך דארפן מטריח זיין נאכאמאל די וועלט צו באשאפן, און דאסזעלביקע וועט זיך איבערחזרן נאכ־אמאל — א גרויסער געווינס פאר אונז אלעמען — און דאס אלץ!

**

אין סך הכל: — א דריי־פיר צענדליק לידער און א וואסערע אנדערהאלבן הונדערט פסוקים־אפאריזמען דארפן ארויסגעראטעוועט ווערן פון זייער געפאנגענשאפט בא „בראשית אינמיטן". די לידער באריכערן היפשלעך דעם רעפערטואר פון לוצקים־אויפשפילן. א צאל פון זיי גלייכן זיך אויס מיט די אויפשפילן פון ערשטן בוך; א צאל שטייגן זיי נאך אריבער. — זיי זיינען אנגעלאדן מיט כונה — צו וועלן זיין מער ווי אונטערהאלטונג און פריילעך־מאכונג. דער פארנעם איז ברייטער; דער בליק איז טיפער — נעענטער צום הארץ פון די זאכן. זיין בליק שעפט אן וועלט־געפיל. לוצקי זוכט וועלט־אפ־שפיגלונג און ער איז אפן אויפצונעמען וועלט־אויפ־רודערונג.

זיין שפארד־אינסטרומענט, דינענדיק א ברייטערן און טיפערן ציל — איז אויך שארפער, כאפנדיקער, פילנדיקער געווארן. אבער דערזעלביקער שפראך־אינסט־רומענט, וואס דינט אים אזוי גוט, איז אויך זיין פאר־פירער געוועזן. נאך אין „אומעטיק און פריילעך" האט דער אינסטרומענט צייטנווייז זיך דערלויבט „בראשית־אינמיטנדיקע" שטיק. — ליב געהאט א קאקעטיר צו טאן מיט פראזע, וואס האט אידייאישן לאקיר — אנ־שטאט צו פארלעבעדיקן איינדרוק מיט באוועגונג:

„איך וויל ווערן. איך ווער פארצערט פון וועלן ווערן". („גרויס געזאנג אינמירי" — ז. 134).

„יעדער סוף — פארשטומט. יעדער סוף — פאר־פרומט. יעדער סוף — פארדומט"
(„איך וויל ניט שטילקייט" — ז. 135).

„א פליג ראשט פארביי: זשזושזט און זשומט אין מיר אריין די ווילד — פון איידער דער וועלט" —
(„אויף די פעלדעריי" — ז. 219).

„תוהו ובוהו האט געוואלט ווערן אויס תוהו ובוהו האט זי געוואיעט איבער אלע וויסטן" —
(„די ערשטע פידעליי" — ז. 232).

„א דורתדיקער טאנץ פון אמאל. פון א טאל. אלע אמאלן — אין טאלן. אלע אמאלן — לעבן" —
(„איבער דער חתונהיי" — ז. 294).

„ס'איז אים איבער... ס'איז אויף אים אן עיבור... א חיבור" — (ביים רבינס טישיי — ז. 304).

דאס זיינען דייטלאכע „מעשי - בראשיתדיקע" סימנים. דא איז גאנץ באשטימט דער אורשפרונג פון „בראשית אינמיטן". אלס אידייען־איינשפריצן אין א בילד־שפיל זיינען זיי ניט אויסערן פלאץ. — זיי גיבן אריין גאנץ איידעלע אויגנבליקלעכע דיסאנאנסן. — אין „דער ערשטער פידעל" איז דער „תוהו ובוהו"־אויפ־שאס גרויסארטיק ארײַנגעפאסט אין דעם אויבערקלאנג פון פידלערס שפילן. — עס איז זיכער א טענדענץ געווען בא לוצקין צו צילן מיט בילד־און מעשה־אויפשפיל צו אן אידייע אין הימל. —

אין צווייטן בוך איז אט די טענדענץ אויפגע־שרויפט געווארן ביז צו א מאניע; ער האט זיך ארײַנגע־נומען אין קאפ, אז ער איז פון באַרוף אן „אידייען־הימלער", א הימל־קראצער־פילאסאף, — און זיין גע־הארכזאמער אינסטרומענט האט אים נאכגעפאלגט אין דער מאניע; האט נאך פארשטארקט זיין גלויבן־אבער־גלויבן, צונאגלענדיק זיין שפיץ־קאפ צו געהימלטע אב־סטראקציעס. — לוצקי האט די ליבע שוואכקייטן פון זיין ערשטן בוך פראקלאמירט פאר „מעלות" — און די „מעלות" זיינען געווארן די גרויסע חסרונות פון זיין צווייטן בוך. זיי זיינען שיר ניט געווארן דער קבר פאר זיין הויפט־מעלה — פאר זיין פאנטאזירנדיקער פאר־לעבעדיקונג פון זאכלעכע אימפרעסיעס.

וואס איז דער אויסוועג פאר לוצקין? — גרייט־קייט און וויליקייט צו א ברייטערן און טיפערן וועלט־באנעם איז זיכער א געווינס; און א געווינס איז א געווינס, און מען טאר זיך פון אים ניט אפזאגן. די פראגע איז נאר צי האט מען מיט וואס אויסצעפילן דעם ברייטערן און טיפערן וועלט־באנעם?

ווען ער וואלט זיך ניט באנוגענט מיט אנטאן אויף

זיך די מאַסקע פון אַ רבי־תורה־זאָגער, אָדער פון אַ פילאָסאָף־ווערטל־זאָגער; ווען ער וואָלט ניט געזוכט יוצא צו זיין מיט געלידעלטער פּאָפּולאַריזאַציע פון צייטונגס־אַרטיקל; נאָר ער וואָלט באמת זיך טאַקי פאַראינטערעסירט מיט פילאָסאָפישע, מענטשלעכע און סאָציאַלע פּראָבלעמען; ווען ער וואָלט אין פולן ערנסט זיך דורכגעדרונגען און אויפגערודערט געוואָרן מיט וועלט־ווײי און וועלט־זאָרג; ווען ער וואָלט גענומען אויף זיך אַ דינסט — לאָמיר זאָגן דעם פּראָלעטאַרישן דינסט — און וואָלט אָנגעשטעלט דערויף זיין טייערן שפּראַך־אינסטרומענט, וואָס פאַרבילדלעכט, פאַרלעבע־דיקט און פורעמט איבער אין פאַנטאַזיע־שפּיל איינדרוקן און אידייען — ווען ער וואָלט! . . .

און ווען ער האַלט, אַז זיין באַרוף איז צו געבן די מענטשן פרייד — פּשוטע מענטשלעכע פרייד — זאָל ער געבן פרייד; און ניט איילן צו פאַרביליקן און פאַר־וואָלגאַריזירן די פרייד. זאָל ער ניט אָפּקומען גרינג!

לוצקי זאָגט אויף זיך: — „איך בין דאָ צו מאַכן שפּיל פון עיקר" — הלואי וואָלט געווען אַזוי; דערווייל מאַכט ער פון עיקר אַ שפּילכעלע, — אָדער פאַרקערט און נאָך ערגער: ער מאַכט אַן עיקר פון אַ שפּילכעלע!

אלטער עסעלין

לידער פון אַ בוכוואָרם צו גאָט

דימיטרי

דימיטרי קאַראַמאַזאָוו האָט דיך שפּעט דערקענט
סאַראַ לאַנגן ווען און סאַראַ מאָדנעם גאַנג
דורך כפירה, ווייב און האַרטע תפיסה־באַנק.
ער האָט זיך דורכגעריסן ווי דורך פייער־ווענט, —
דאָס הייליקע בייטעלע מינץ אויפן האַלדז,
דעם (האַלב באַרעכטיקטן...) פאַרשוועכטן כיבוד אב —
ווי ער וואָלט געשלעפּט אַ העלפאַנד אויפן קאַרק,
וויפיל מאָל אַרויף־אַראָפּ און וויפיל מאָל זיגזאַג.
הינטער אים — אַליאָשינקאַ און פאָטערל זאָסימאַ.
אין אוניסאָן — די קושן פון אַ שלוכצענדיקער פרוי,
נאָר דימיטרי איז געגאַנגען און געקומען אַ ל י י ן,
ווער עס וויל קאָן ציילן זיינע טריט אַף רויטס
ווי פון אַ באַרוועסן אַף צעשטויסטן גלאָז.
ווי וואויל ער האָט געוואוסט:
צו דיר מוז מען גיין אַליין. —
ווי שלינגען מיט דער קעל,
ווי ליפּלען מיט אַ פרוי . . .
און ער האָט דיך דערגרייכט מיט אַלע אוברים זיינע,
צי האָט ווער געהערט אַזאַ הדו לאַדוני?
סאַראַ פרייד אַף אים ווען ער האָט דיך דערזען:
— נאַ, לאַמבאַרדער, אָט האָסטו אַלץ צוריק,
דיינס און — מיינס אויך, גאַנץ און פייער־ריין.
און ער האָט גערעט הויך און קלאָר,
און ער האָט גערעט שטאַרק און אָפן ווי אַ בוימבראַך,
אַ — איך הער נאָך איצט זיין מעכטיקן טענאָר
ווי אַן עכאָ פון דעם סיני־דונער.

דריי גראַציעס

ווען איך פאַרמאָג בעטהאָווענס בעטון
וואָלט איך אויפגעשפּילט די פרייליכסטע יללה,
איך וואָלט באַשטעלט אַ דריי־בינע פון עמבער
דראַפּירט מיט ווייכן דורכזיכטיקן לעווענדער,
אין דער מיט — אַ שוואַרצן פּעדעסטאַל,
אויף אים — די ליבסטע גראַציעס מיינע דריי:
די סענסועלע זעל פון עמאַ באָוואַרי
די יסורים'דיקע טעם פון דובראָוויל
און די לב־שמים'דיקע אַנאַ קאַרענינאַ. —
זאָלן זיי זינגען דאָס ליד פון אומשטערבלעכקייט,
הויך־גרויס־טיף געזאַנג צו די
וואָס איז איבער דיר.
דערנאָך, דיין ענטפער צו זיי אַלעמען;
דיין פינגערן צום עניגמאַטישן אַראָפּ,
קיין אַנטרינונג איז ניטאָ, —
(דער נביא פון טאַרשעס איז אויך ניט ווייט געלאָפן,
פאַרן שפּענצער האָסטו אים צוריקגעבראַכט)
פון דאַנען הויבט מען אַן:
טראָט נאָך טראָט.
ביים impass בלייבט מען שטיין, —
אַראָפּ. —
און אַז דער טרויער וועט אַ ביס טאָן מיט אַלע ציין
איז דאָס נאָטיכל צום מויל
און שאַ.
איצט, דאָ, אַפּלאָדירט מען ניט.

פייער פליגן

ווען איך בין אַזוי וויכטיק ווי שעקספּיר
וואָלט איך אייפעריק דערמאָנט
(אַן פּאָמפּ און אומשטאַנד)
די, וואָס זענען דאָ כאָטש האַלב געווען,
געפינצטערט אין דער זון,
געבלענט דעם קורצן צאַנק —
ווי פייער־פליגן — צעטרענצלט גאָלד און גראָז.
ווייסט דער גוטער יאָר פאַרוואָס
זיי גייען ניט אַריין אין די אַנאַלן
פון ספערם און מיקראָב;
זיי האָבן דאָך דיר אויך געצאָלט
מיט ז י ך.
פאַרוואָס? — אַפילו פרעגן ניט געוואָלט.

ש. ד. זינגער

די טראַגישע מאַרטירער־געשטאַלט וואַן דע ליובע

ס'איז אָנגענומען צו שרייבן וועגן געדרוקטע ביכער, וועגן נאָר־וואָס געזעענע טעאַטער־אויפפירונגען. איז אָבער דער צושטאַנד פון דעם אידישן פאַרלאַגס־וועזן און טעאַטער אַזאַ, אַז מען מעג, ניין! מען מוז עובר־זיין אויף דעם דאָזיקן אָנגענומענעם „דין" און שרייבן גראָד וועגן ווערק וואָס געפינען זיך נאָך לעת־עתה אין כתב־יד, באַהאַלטענע ביי די שרייבער אין טישקעסטלאַך . . . דווקא אָט־די נאָך־נישט פאַרעפנטלעכטע ביכער פאַר־דינען ערלאַך פּובליקירט צו ווערן, אין בוך צי אויף דער בינע, וואו זיי וואָלטן ערשט באַקומען זייער געהעריקן תיקון.

אין דעם ירידה־צושטאַנד פון דעם אידישן בוך היינט צוטאָג, וואָס האָט נישט קיין פריינט און קיין גואל, איז עס אַ מוז אַרויסצורופן אויפמערקזאַמקייט, נישט בלויז צו די־שוין־אָפּגעדרוקטע ביכער־ וואָס־ שרייבער אַליין האָבן באַוויזן צו זייער שבח אַרויסצוגעבן, נאָר אויך צו יענע ביכער — גרעסערע אין צאָל, מסתמא — וועלכע קענען צוליב פאַרשטענדלאַכע טעמים נישט זען די ליכטיקע שיין.

די אידישע ליטעראַטור היינטצוטאָג, איז אין דער בחינה פון אַ נסתר: זי לעבט אין פאַרמעט און שריפט, און באַווייזט דאָך אינדערשטיל, באַהאַלטן, צו וואַקסן און געדייען. די היינטיקע ליטעראַטור אונזערע ווערט געהייליקט פון שרייבער למד־וואָוו, וועמעס וואָרט ליגט ס'רוב באַהאַלטן, וואַרט און האָפט אַמאָל נתגלה צו ווערן, דערווייל שלאָגט עס זיך אַן אין טויבע ווענט.

* * *

דאָסמאָל רעדט זיך וועגן אַ דראַמע אין צען בילדער, וואָס געפינט זיך נאָך אין כתב־יד ביי דעם יונגן דיכטער קלמן הייזלער, אונטער'ן נאָמען „וואַן דע ליובע".

דער נאָמען אַליין האָט פאַראינטריגירט. ווען הייזלער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אָנגעשריבן אַ דראַמע געבויט אויף די געשעענישן אַרום דעם פייער פון דער רייכסטאַג געביידע אין בערלין מיט די גוט־באַקאַנטע פאַרשוינען היטלער, גערינג, וואַן דע ליובע און דעם מוטיק־שטאָלצן דימיטראָוו, האָב איך יענעם שפּעטן ווינטער־אויפדערנאַכט נישט געוואָלט זיך שיידן פון זיין הויז, ביז וואַנען איך האָב באַוויזן איבערצו־לייענען כאָטש איניקע בילדער פון דער דאָזיקער דראַמע. און געוואַרט אויף דער געלעגנהייט גרינטלאַך זיך צו באַקענען מיט דעם דאָזיקן ווערק.

עס האָט אַ שלאָג געטאָן מיט געשפּאַנטער פאַר־אינטערעסירטקייט אין דעם גורל פון יענע באַקאַנטע אומשולדיק־באַשולדיקטע מענטשן, און מער פון אַלע אויף דעם פלעגמאַטיש־אומפאַרשטאַנענעם, ווי אין אַ טראַנס געפונענעם וואַן דע ליובע. הייזלער האָט אויפ־געלעבט שטיקער צייטונגס־כראָניק. אין דעם פרט איז הייזלער'ס ווערק ענלאַך צו דער אַרבעט פון דזשאַן וועקסלי'ס דראַמע: „טהעי שהאַלל נאָט דאַי!", (זיי זאָלן ניט שטאַרבן!) מערניט, הייזלער האָט אַן אַ שיעור מער געלונגענע אייגענע בילדער, אָפּגעזען פון דעם צייטונגס־שטאָף. מער דיכטער־פאַנטאַזיע. הייזלער האָט געוויזן אַזוינס וואָס איז „מאחורי־הפּרגוד": ווען היטלער, גערינג זיינען מיט זיך אַליין. ווען וואַן דע ליובע איז מיט זיך אַליין אין תפיסה צווישן ענגע ווענט. ער איז צוויי געשטאַלטיקט. אַ שווייגנדיקער ביים משפּט; אַ מענטש פון ווידוי, פון רייד — אין צעל, צווישן די אייזערנע גראַטעס.

קאָנצענטרירט, טעכניש גוט, האָבן מיר דאָ פיינע דיאַלאָגן, טאַטן פאַרויסגעפּלאַנירטע, מענטשן — באַ־זויפענע, רשעים, דעגענערירטע, צעפוילטע נשמות. און ווי אויסנאַמען אין דעם גאַנצן געזעמל פון חיות, בלוט־דורשטיקע, אין געשטאַלט פון מענטשן, צוויי געשטאַלטן: איינער, אַ מוטיקער, אַ שאַרפער מיט דער צונג, און אַ קלוגער, וואָס שליידערט שטאָלץ דעם אמת אין פּנים אַריין, ווי פאַרויספילנדיק, אַז ער וועט אַרויס דער זיגער: געאָרג דימיטראָוו. דער צווייטער, אַ שוואַך לעמעלע, אַ הונגעריקס, אַן עלענטס אין אַ פרעמד לאַנד, אַ טראַגיש־פאַרטריבענער פון זיין פאַרטיי, וואָס פאַלט אַריין אין אַ פּאַסטקע פון רשעות און געמיינהייט, און וואָס ווערט פאַרגיפטעט ביזן מאַרך פון זיין נשמה, אַז ער קען זיין קאָפּ אויף זיך נישט האַלטן: ו ו אַ ן ד ע ל י ו ב ע.

איז וואַן דע ליובע אַ פאַררעטער געווען? איז ער געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר וואָס האָט לסוף חרטה געקראָגן? איז ער טאַקע געווען נישט מער ווי אַ געצייג אין די הענט פון די בלוט־הינט, די נאַציס?

ווי אָפט האָבן מיר די דאָזיקע און ענלאַכע פראַגעס זיך געשטעלט אין יענע אויפרייצנדיקע טעג, ווען דער משפּט איבער דעם פייער פון דער רייכסטאַג געביידע איז אָנגעגאַנגען! צוערשט אין לייפּציק, דערנאָך אין בערלין. ווי זיכער די מער ליבעראַלע, גערעכטערע טייל פון דער וועלט איז געווען אין דער אומשולד פון וואַן דע ליובע — אַלץ איינס איז ער געבליבן פאַר אונז אַ פאַר־שלאָסן בוך. אַ שטומער פּאַטום. אַ באַשייד, וואָס נאָר אַ דיכטער מיט פאַנטאַזיעס קען קלאָר אויספּלאָנטערן און באַשיידן. מען איז אויפגעשטורמט געוואָרן פון צאָרן פאַר דעם „גערעכטן" משפּט, וואָס וואַן דע ליובע האָט געקראָגן. אָבער וואַן דע ליובע אַליין איז דאָך פאַר אונז, שוין ביים משפּט גופא אַ פאַראורטיילטער געווען, אַ טראַ־גיש־שטומער, אויף וועמען רעד טויט האָט שוין גע־הויערט און זיינע נעגל געשאַרפט: עס האָט געצאַרנט, געמאָנט חשבון אין אונז, ווען מען האָט געזען משפּט'ן אַ האַלב־געשטאָרבענעם, פאַרסמטן, קראַנק־צעבראָכענעם שאַרבן, אַ קערפּער אויף וועמען עס האַלט זיך קוים דער קאָפּ . . .

קלמן הייזלער האָט דידאָזיקע קראַנק־צעבראָכענע געשטאַלט אויף אַזוי פיל געזונט געמאַכט, אויף אַזויפיל אַריינגעבלאָזן אין אים קינסטלערישן חיות, אַז דאָס טויט־שווייגן זיינס ביים משפט האָט באַקומען אַ זין. ער האָט וואַן דע ליובעס צו דער ערד אַראָפּזינקענדיקן קאָפּ געגעבן קראַפט און זין פון אויסהאַלטן, פון גובר זיין דעם טויט: וואַן דע ליובע ווערט אַ מאַרטירער, וואָס וויל זיך קונה־עולם זיין. וואָס וויל רעכטפערטיקן אַ טאַט און דערמיט זיך אַליין, דער אייגענער נשמה איינ־שטילן. אין קאַמער איידער וואַן דע ליובע גייט צום עשאַפאָט, בעט ער זיך ביי זיינס אַ קאַמער־שכן, אַן אַרעסטאַנט, חברשאַפט, גוטע רייד, טרייסטנדיקע. האַנס דער גענאָסע זאָגט זיך אָפּ ריידן צו אים, און וואַן דע ליובע בעט זיך:

„האַנס, רייד צו מיר, גענאָסע, וואַן דע ליובע איז נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר, וואַן דע ליובע האָט בלויז געמאַכט איין טעות. ער האָט געגלויבט אין די מערדע־רישע נאַציס"...

און צום וועכטער רעדט ער:

„ביים פּראָצעס, ווען איך בין געזעסן מיט מיין קאָפּ אין דרייען געבויגן האָט דער שטאָלצער דימיטראָוו צו מיר אויסגערופן: דו באַהאַלסט דיין פּנים פאַר שאַנד, ווייל דו האָסט פאַרראַטן דעם אַרבעטער קלאַס. האָב איך מיין קאָפּ אויפגעהויבן פאַר אַ צייכן, אַז כ'האָב נישט פאַרראַטן. וואַן דע ליובע האָט קיינעם נישט פאַרראַטן. וואַן דע ליובע האָט נאָר פאַרראַטן זיך"...

אין זיינע לידער־ביכער „קאָמונאַרע פּאַרשוינען", און „מענטשן", האָט הייזלער אין תוך געוויזן אונז היינטצייטיקע מענטשן — אין קוק, אין געמיט, „קאָנ־טעמפּאָראַרי" — אין אַ כלומרשט־אַלט־איינגעפונדעווע־טער סביבה: נאָך־מלחמה געשטאַלטן, פאַרשטעלט אין אַלטע זיידעס, טאַטעס, שטאָט־שמשים, דאָרפס־שניידער און וואַסער־פירער; ער האָט אויסגעלאָדנט די דינאַמיק, דאָס אויפגעשרויפטע נשמה־לעבן פון אַ צעבראָכענעם, זעליש־חרובן מלחמה־דור. אַ דענערווירטן. דאָרט ביי די אַלט־געזעסענע, צווישן די שול און מקוה־געסלאַך איז אַלץ נאָך אַזוי גאַנץ. קאָזאַקן רייטן אָן און ברענגען פאַרוויסטונג און טויט, נאָר דער וואַסער־טרעגער זינגט זיך אומגעשטערט זיין „הגואל ממות ופודה משחת"... מיר האָבן, אַ שטייגער, אין דעם דאָזיקן „מאיר דער וואַסער־טרעגער", אַ דראַמאַטישע געשטאַלט, נאָר מאָדנע אָפּגעהאַקט, נישט פאַרענדיקט, ווי אין אַ האַלב־קלימאַקס; הייזלער האָט זיך אין די דאָזיקע געמעלן געוואָלט ווי אָנכאַפּן אין מיטלסטע שטאַנגען, פון אַ בנין, וואָס האַלט אין איינפאַלן... מענטשן טראַגישע, מענטשן איינפאַלנ־דיקע; אויף דעם רוט זיין אויג. און דאָס גאַנצע לשון זיינס, דער סטיל אין פּשטות, דערציילט פון דעם: זיך אָדער דעם מיט־מענטש פון זיין דור, אָפּראַטעווען פון פאַלן... אויס גרויס רחמנות — העלפן. ווייל ס'לעבן איז קאַמיש־גאַנץ, ווען געזען דורך די אויגן פון דעם קליין־שטעטל קומאַרנע: אין איינגעקרעמפּטן, צונויפ־געפּרעסטן געמיט, האָט ער צוגלייך מרמז געווען, אָנגע־ווינקען אויף דאָס גאַנץ־דראַמאַטישע, וואָס וועט נאָך קומען.

און געקומען איז די דאָזיקע גאַנץ־דראַמאַטישע גע־שטאַלט אין דער דראַמע „וואַן דע ליובע". דאָ האָט ער אויף אַ רירנדיקן אופן געגעבן דאָס טראַגישע מפּיל־קינד פון דער צייט. אַ מפּיל־קינד וואָס האָט פאַרלוירן דעם חשק צום לעבן, נאָך איידער דער באַשעפער האָט אים אָטעם דערלאַנגט! וואַן דע ליובע איז פּאַרפּייניקט פון דער בעסטיע —: צייט. וואַן דע ליובע בעט שנעל דעם פּראָצעס פאַרענדיקן. ער בעט אויף גיך אַן אורטייל. ער ווייזט אַרויס אַפּאַטיע, אים נודעט פון די לאַנגע פאַלשע רייד. ער איז וואַנזיניק־פאַרסמט, יסורים'דיק — באַרוישט, און ער באַצאָלט מיט זיין גלויבן, ווען ער קומט אַ הונגעריקער אין בערלין זוכן אַ נאַכטלעגער, אַ שטיקל ברויט; ער באַצאָלט מיט זיין יונג־נישט־אויסגע־טראָגן לעבן, נאָר דעם אמת, דעם איינציק־מענטשלעכסטן טראָגט ער פאַרויס פאַר אַלע צייטן. ער איז נישט דער מאַרטירער בלויז פאַרן אמת אַליין. ער ברענגט דעם גרעסטן פון אַלע קרבנות זיין פּאַרפּייניקטן פאַרשטאַנד, וואָס איז פאַרסמט געוואָרן פון רוצחים! ער האָט מיט אַלע ריזן־כחות דאָך אויסגעהאַלטן, געלאָזן אַ קליין קעמערל אָפּענעם שכל, ווי איינער וואָס קלאַמערט זיך אַ דערטרונקענער אין פּיין, — קיין שקר פון מויל נישט אַרויסצוברענגען און דעם איינציקסטן אמת, צו האַלטן טיף אין אינגעווייד פאַר אַלע דורות נאָך אים.

הייזלער האָט די געשטאַלט „וואַן דע ליובע", די אומפאַרשטאַנענע, רעטענעשדיקע — קלאָר געמאַכט. וואַן דע ליובע שווייגט און ראַטעוועט דערמיט דאָס לעבן פון די איבעריקע מיטבאַשולדיקטע; ער שווייגט ווייל ער וויל זיין לעבן דורכן טויט אויסקויפן... ער שווייגט ווי אַ שטומער מאַרטירער אַ „באָנטשע" אין פּרעמדסטן גלגול, אַ בעל־רחמים צו דער וועלט; ער איז מקבל באהבה דעם טויט אויף זיך פאַר דעם ביסל גלויבן, וואָס ער האָט געשענקט די רוצחים, יענע, וועלכע האָבן אים אַ שטיקל ברויט און אַ מאַנטל פאַרן קאַלט־געפרוי־רענעם לייב געשענקט...

„וואַן דע ליובע" איז ביי הייזלער'ן די טראַגיק פון בלינדן פאַנאַטיזם; ער ליידט פון זיינע חברים, וועלכע האָבן אים פאַרטריבן, און ער פאַלט אַ קרבן פון דער נייער בעסטיאַלישער אמונה. ער האָט געקאָנט זיין דער אָנזאָג פאַר'ן נייעם אויפשטייגנדיקן דור קעמפער, וואָס וועט דאָך אַמאָל אויפוואַכן און צום פאַרשטאַנד קומען, — ווען זיין יונג, פאַר־דער־צייט מפּילדיק לעבן, זאָל ניט געווען פאַרשניטן ווערן. ער האָט געקאָנט ווערן די בריק צום מענטשלאַכן אַפּנויג, פון בלינדן, אומקאָמ־פּראָמיסלאַכן פאַנאַטיזם; הונגער טרייבט אים אין די רייען פון די בעסטיעס! אויפן וועג פון הונגער רעדט אין אים דאָס פאַרלוירענע, דאָס אוועקגערויבטע גוטס, רחמנות צום מענטש, צו דער בריאה. דער קלאָרער,

פּשוט'ער פאַרשטאַנד, וואָס ווייזט אַרויס סמנים פון אַ קינפּטיק־געבוירענעם ריז, אויסצוהאַלטן, נישט שוואַך־לאָזן דעם שכל איינגאַנצן, ווען סמיקע אַפּאַטיע, וועט אים שפּעטער — ווי פאַרויספילנדיק בחוש הנביאה — אַרומ־כאַפּן!

* * *

דאָס זיינען איינדרוקן פון דער איינציקער, צענט־ראַלער הויפּט־געשטאַלט אין דער דראַמע. הייזלער האָט אָבער אויך באַוויזן צו באַלעבן שטיקער כראָניק און קלאָר געשטאַלטיק אוועקגעשטעלט פּערזאָנען צו וועלכע מיר קענען געגוג אָביעקטיוו נישט זיין, מחמת די באַ־קאַנטשאַפט מיט זיי דורך ביז איצטיקער צייט־געשע־עניש. און זיי, די הויפּט־פּערזאָנען פון דער דראַמע, לעבן נאָך און ווירקן. צו זיי פעלט נאָך די פּערספּעקטיווע, דאָס אָפּרוקן זיך אויף אַ צייט־שטח, בכדי זיי צו דערזען אין דער ריכטיקער קינסטלערישער פּראָפּאָרציע. דאָס איז תמיד אַזוי, ווען דיכטער פאַרנעמען זיך מיט צייט־מאָטיוון, מיט כראָניק, וואָס איז נאָך אין המשך, מיט מענטשן וועלכע האָבן זייער לעבן נאָך ניט אָפּגעשפּילט.

וואַן דע ליובע האָט אָבער שוין זיין לעבן אויף דער לעבעדיקער געשיכטע־בינע — אָפּגעשפּילט. און דערפאַר איז ער, סיי אין בוך־פאָרם, סיי אויף דער איבערגעלעגטער, געשפּילטער טעאַטער־בינע ראוי געווען צו ווערן. אין דער פאַנטאַזיע פון הייזלער'ן, דעם דיכטער, איז זיין געשטאַלט אַרויסגעקומען אויפסניי טראַגיש־גאַנץ, און דער גורל זיינער ווי פון יעדן מאַרטירער אין אַלע צייטן: מענטשלאַך־טיף און נאָענט.

וויליאַם שעקספּיר — **אידיש, דר. אַ. אייסען**

פון דער ענגלישער פּאָעזיע (פיר סאָנעטן)

סאָנעט 72

אין פאַל די וועלט וועט בעטן דיך באַריכטן
דאָס ווערטפולע אין מיר, וואָס דו טוסט ליבן —
זאָלסטו ליבערשט מיין געדעכטניש, פריינט, פאַרניכטן,
ווייל סהאָט קיין ווערט קיין זאַך, וואָס כ'האָב געשריבן;

בלויז ווען דו ווילסט מיט ליגן זיך באַנוצן,
צו טון פאַר מיר פיל מער ווי איך בין ווערט,
און קענסט מיט פיל מער לויב מיין איך באַפּוצן,
ווי ס'האָט די קאַרגע וואָרהייט מיר באַשערט:

אַ, ס'זאָל דיין ליבע פאַלש זיך ניט דערהערן,
ווען דו, אויס ליבע, פאַלשקייט רעדסט פון מיר,
מיין נאָמען זאָל מיט מיר באַגראָבן ווערן —
ניט לעבן מער צו שאַנד פאַר מיר און דיר.

פאַר מיר, וואָס איך אַזעלכעס שאַף און גיב,
פאַר דיר, וואָס דו האָסט נישטיגעס גאָר ליב.

סאָנעט 76

פאַרוואָס איז מיין געזאַנג פון גאוה ווייט,
פון ענדערונג און וואַריאַציע פריי?
פאַרוואָס פאַרקוק איך זיך ניט נאָך דער צייט,
נאָך מאָדנעם סטיל און נאָך מעטאָדן ניי?

פאַרוואָס שרייב שטענדיג איך דאָס זעלבע בלויז,
און מיין מעטאָדע טראָגט באַקאַנטן קלייד,
אַז יעדעס וואָרט זאָגט גרינג מיין נאָמען אויס,
און ס'ווייזט אויך באַלד פון וואַנען עס אַנשטייט?

אַ, ווייס, מיין פריינד, כ'שרייב שטענדיק נאָר פון דיר,
און דו און ליבע זיינען אַלץ מיין שטרייט;
מיין בעסט איז: אַלטער וואָרט מיט נייעם ציר,
און וואָס געגעבן גיב איך נאָר באַנייט.

ווייל ווי די זון פאַרגייט און ניי זי טאָגט,
אַזוי מיין ליבע זאָגט, וואָס שוין געזאָגט.

סאָנעט 77

ווי דיינע חן'ען שווינדן, ווייזט דיין שפּיגל,
דיין זייגער ווייזט ווי די מינוטן אײַלן;
ווערסט שטעמפּלען אין דאָס בוך דיין גייסטיגן זיגל,
און לערנען ניצליכעס פון זיינע צײַלן.

די קנייטשן וואָס דיין שפּיגל ווייזט דיר קלאָר
דערמאָנען דיך אין גריבער אָפן ברייט;
און דורך דיין זייגערס גאַנג ווייסטו אויף וואָר
צייטס גנבהדיגע טריט צו אייביגקייט.

און זעה! וואָס דיין זכרון ניט געדענקט,
פאַרטרוי די בלעטער, און עס וועלן דרייסט
די קינדער, וואָס דיין האַרץ האָט דיר געשענקט,
אויפסניי אַ פריינדשאַפט שליסן מיט דיין גייסט.

די לייסטונגען, ווען נאָר דו גיסט אַ בליק,
באַרייכערן דיין בוך און ברענגען גליק.

סאָנעט 78

כ'האָב אָפט באַדאַרפט דיך פאַר מיין פּערזן־שפּיל,
און ס'האָט דיין פריינדליך הילף מיין פּערז באַגייסטערט,
אַז יעדע פעדער מאַכט מיר נאָך מיין סטיל
און דורך דיין ביישטאַנד זי איר דיכטונג מייסטערט.

דיין בליק וואָס לערנט אויך דעם שטומען זינגען,
און פליגל צו דעם פּראָסטן לייען וועט,
באַפליגלט ניי דאָס שוין צעשווינגטע שווינגען
און גיט־צו שיינקייט, קראַפט און מאַיעסטעט.

נאָר זיי מיט מיין ליד שטאָלצער און מער גרויס,
ווייס ס'איז מיין שאַפן דיין, און ס'קוועלט פון דיר:
בא אַנדערע דעם סטיל פאַרשענסטו בלויז,
און קונסט געווינט אין צויבער דורך דיין ציר;

דאָך דו ביזט מ י י ן קונסט און דערהויבן ווערסט,
אַזוי, ווי דו מיין רויהע קונסט באַלעהרסט.

זלמן זילבערצווייג

מענדעלע מוכר ספרים און דאָס אידישע טעאַטער

(סומירונגען פאַר אַן אַנאַליז)

אויב מען זאָל באַטראַכטן מענדעלעס דראַמאַטורגישע טעטיקייט און זיין שייכות צום אידישן טעאַטער נאָר דורך זיינע 2 טעאַטער־שטיק, „די טאַקסע' און „דער פריזיוו'', האָט מענדעלע באמת א קנאַפּן טעאַטראַלן סטאַזש. אָבער דאָס איז נאָר אויבנאויפיק. זייער זעלטן (א חוץ שלום־עליכם) האָט מען וועלכן ס'איז אידישן שריפטשטעלער אַזויפיל דראַמאַטיזירט זיינע בעלעטריסטישע ווערק ווי מענדעלען. אויסערדעם האָט מענדעלע גופא דורך בריוו, שמועסן און רעדעס אָפט אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען וועגן אידישן טעאַטער.

ווען מען סומירט אַלזאָ סיי מענדעלעס פּערזענלעכע באַציאונגען צום אידישן טעאַטער, סיי מענדעלעס פּיעסעס, סיי די אינסצענירונגען פון זיינע בעלעטריסטישע ווערק, באַקומט זיך א גאַנץ אַנדער בילד.

דער שרייבער פון די שורות וועט דעריבער טאַקע אַזוי איינטיילן זיין אַרבעט וועגן מענדעלען. אין דער ערשטער ליניע וועט גיין מענדעלע דער טעאַטער־מענטש.

.1

ווען מענדעלע מוכר ספרים האָט אָנגעשריבן זיין ערשטע פּיעסע „די טאַקסע'' (זשיטאָמיר, 1869), איז נאָך קיין אידיש טעאַטער אויף דער וועלט ניט געווען. ערשט 7 יאָר שפּעטער האָט אברהם גאָלדפאַדען אין יאַסי געלייגט דעם יסוד פאַרן טעאַטער. אָנגעהויבן האָט גאָלדפאַדען מיט 2 בראָדער זינגער ישראל גראָדנער און ש. גאָלדשטיין. די ערשטע פּיעסע האָט ער אפילו ניט אָנגעשריבן, נאָר סקיצירט. דערציילט די „אַקטיאָרן'' דעם סוזשעט און זיי געגעבן פרייע הענט אים דורכצופירן. (גאָלדפאַדן דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע: „איך האָב באַלד מיט גראָדנערן איבערגערעדט וועגן דער אידייע פון א צוויי אַקטיקעס שטיק. איך דריק מיך אויס „איבערגערעדט'', נישט אָנגעשריבן, ווייל שרייבן א א שטיק אָדער א ראָליע איז נישט געווען וואָס און פאַר וועמען. אַבי מען האָט אויסווייניק געוואוסט די אידייע, האָט מען שוין געקאָנט קנאַקן דערנאָך וואָס עס איז געקומען אין מויל אַריין פאַר א ווערטער''. דאָס שטיק, וועלכעס האָט קיין נאָמען ניט געהאַט, איז געשפּילט געוואָרן בערך 8־5 אָקטאָבער, 1876, אין יאַסי — זלמן זילבערצווייג. „לעקסיקאָן פון אידישן טעאַטער'' זייט 84־283). עס איז אַלזאָ קלאָר, אַז ווען מענדעלע האָט געשריבן זיין פּיעסע מיט א פּערסאָנאַל פון צענדליקער פּערזאָנען, האָט ער ניט געקאָנט טראַכטן וועגן אויפפירן זי אויף דער בינע. ממילא האָט מענדעלען ניט געקאָנט אינטערעסירן אידיש טעאַטער אלס זאַך, וואָס איז נאָר אויף דער וועלט ניטאָ.

ס'זיינען אָבער אַריבער בלויז איינציקע יאָר און גאָלדפאַדענס טעאַטער איז געוואָרן א שם־דבר אין דער אידישער וועלט. די צאָל אַקטיאָרן האָט זיך שנעל געמערט, גאָלדפאַדענס טרופּע איז שוין אפילו געוואָרן אויס בן־יחיד. עס האָבן שוין עקזיסטירט איינציקע טרופּעס. אחוץ אין רומעניע האָט מען שוין אויך געשפּילט אידיש טעאַטער אין רוסלאַנד (אָדעס). גאָלדפאַדען אַליין איז געקומען אין אָדעס און דאָ געשפּילט מיט זיין טרופּע. אויסער אים האָבן זיך גענומען צו טעאַטער דער באַוואוסטער ראָמאַניסט שמ''ר (שייקעוויטש), וועלכער האָט געשריבן אי ספּעציעלע טעאַטער־שטיק אי דראַמאַטיזירט זיינע ראָמאַנען. דער אידיש־רוסישער זשורנאַליסט י. י. לערנער, וועלכער האָט איבערזעצט אייראָפּעאישע פּיעסעס ווי גוצקאָווס „אוריאל אַקאָסטאַ'', סקריבּס „די יידין' א. א. וו. דאָס אידישע ליטעראַרישע וועלטל אין אָדעס האָט זיך אָנגעהויבן טומלען אַרום אידישן טעאַטער. צו יענער צייט האָט קאַצענעלנבויגן אָנגעשריבן זיין דראַמע „רשי'', משה־ליב ליליענבלום זיין פּיעסע „דער ביגאַמיסט'' און יצחק־יואל ליניעצקי האָט איבערזעצט לעסינגס „נתן דער חכם''. אויך מענדעלע מוכר ספרים, וועלכער האָט צו יענער צייט געוואוינט אין אָדעס, איז ניט געווען קיין אויסנאַם: „די באַוואוסטע אידישע שרייבער, וואָס האָבן אין יענער צייט געוואוינט אין אָדעס, האָבן זיך ערנסט פאַראינטערעסירט מיטן טעאַטער — שרייבט ב. גאָרין (ב. גאָרין — „געשיכטע פון אידישן טעאַטער'', ערשטער באַנד, ז. 231־235). — מענדעלע מוכר ספרים איז געווען אַן אָפטער באַזוכער און האָט געהאַט דעם חשק צו שאַפן עפּעס פאַר דער בינע. אין א דראַמאַטישער פאָרם האָט ער שוין מיט יאָרן פריער געשאַפן א ווערק און ער האָט געוואָלט שרייבן אַזאַ פּיעסע, וואָס מען זאָל אויך קאָנען שפּילן. די שטיקער, וואָס ער האָט געזען, האָבן צו זיין האַרצן ניט גערעדט און זיין וואונטש איז געווען צו געבן א ווערק, וואָס זאָל האָבן א העכערן, פּאָעטישן און ליטעראַרישן ווערט, א חוץ דעם דראַמאַטישן''.

פון גאָרינען איז צו זען, אַז מענדעלע אַליין האָט זיין פּיעסע „די טאַקסע'' געהאַלטן פאַר ניט שפּילבאַר. גאָרין האָט געהאַט א טבע זעלטן אָנצוגעבן די קוועלן פון וועלכע ער האָט געשעפּט זיינע אינפאָרמאַציעס. אַזוי ווי ער זאָגט דאָ אַרויס מיינונגען אין נאָמען פון מענדעלען, דאַרף מען רעכענען, אַז מענדעלע האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט פאַר אידישע אַקטיאָרן פון יענער תקופה, וועלכע האָבן געשפּילט אין אָדעס. גאָרין אַליין איז אין אָדעס ניט געווען. ער האָט שפּעטער אין אַמעריקע שרייבנדיק זיין טעאַטער־געשיכטע, באַזירט זיינע אינפאָרמאַציעס אויף עדי־ראיה און עדי־שמיעה. דאַרף מען אַלזאָ אויך די אינפאָרמאַציעס וועגן פּלאַן צו שרייבן א שפּיל־

בּאַרע פּיעסע מיט א פּאָעטיש, ליטעראַרישן אַזוי ווי א דראַמאַטישן ווערט, צורעכענען צום מין אינפאָרמאַציעס פון א צווייטער אָדער דריטער האַנט.

און באמת האָט מענדעלע אינגיכן אָנגעשריבן נאָך א פּיעסע „דער פריזיוו'' (מענדעלע מוכר ספרים. דער פריזיוו, א דראַמע אין פינף אַקטן. סט. פּעטערסבורג, תרמ''ה, 1884). שפּעטער וועט מיר אויסקומען אויספירלאַך צו ריידן וועגן דער פּיעסע און וועגן די אויפפירונגען פון דער פּיעסע. דאָ וויל איך ווייטער ציען דעם פאָדעם פון מענדעלעס אינטערעס צום אידישן טעאַטער: „אַרום דער צייט — שרייבט ב. גאָרין („געשיכטע פון אידישן טעאַטער'', ערשטער באַנד. ז. 36־235) — האָט שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש גענומען שרייבן דעם „פריזיוו'' פאַר דער אידישער בינע. זיינע אָפטע באַזוכן אין אידישן טעאַטער האָבן אים געוויזן וואָס א נייע בינע פאָדערט און ער האָט געזוכט צו שאַפן א שטיק לויט דעם מוסטער, וואָס ער האָט דאָרט געזען. ער האָט דעם שניט געכאַפּט און טאַקע דערפאַר איז דער „פריזיוו'' אַרויסגעקומען אָן א פּנים. ער האָט זיך געקלוגט אַריינצוברענגען דעם קאָמישן עלעמענט און האָט אפילו ניט פאַרגעסן קיין פּזמונים און טענצלעך, נאָר אָנשטאָט צו קאָנצענטרירן זיך אויף דער דראַמע, איז ער פאַרקראָכן אין זייטיקע דרכים. אויב אַבראַמאָוויטשעס ווערק געווינען פיל חן פון זיין „ניט דאָס בין איך אויסן'', איז דאָס געווען צו דערהרגענען א דראַמע. אין „פריזיוו'' קומען אַריין פיל סצענעס, וואָס האָבן מיט דער דראַמע ניט צו טאָן. די סצענקעס גופא זיינען מייסטערהאַפט געשילדערט, נאָר זיי געהערן זיך ניט אָן מיט דער דראַמע און דער פּועל יוצא דערפון איז, אַז די אַנטוויקלונג פון דער דראַמע בלייבט אָפט שטיין און נאָכדעם גיט זי מיט אַמאָל א שפּרונג. עס איז נויטיק צו באַמערקן, אַז אין „פריזיוו'' האָט אַבראַמאָוויטש אָנגעוויזן אויף א רייכן קוואַל פאַר לידלעך. אין גאָלדפאַדענס שטיקער האָבן די לידלעך פאַרנומען א בכבודיקן פּלאַץ און די ערנסטע זיינען דורכגעדרונגען מיט א פּאָעטישן געפיל. ... אַבראַמאָוויטש איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך באַנוצט מיט פאָלקס־לידער און אין „פריזיוו'' זינגט דאָס דינסטמיידל דוואָסיע, אַזעלכע לידלעך ווי: „אויפן פריפּיטשאָק'', „צו מיר, צו מיר, דו נשמה מיינע'', „אבינו מלך''. ''

לויט גאָרין קומט אויס, אַז ס'איז עפּעס אַנטשטאַנען א „נייע בינע'' מיט „נייע פאָדערונגען'', באמת, אָבער האָט מען ווייטער געשפּילט אין אָדעס די פּיעסעס פון גאָלדפאַדן און שמ''ר. איין זאַך אויף וועלכער גאָרין ווייזט אָן האָט באמת א באַדייטונג פ[illegible] דראַמאַטורג מענדעלע — דאָס איז זיין פאַרשטע[illegible] צו עקספּלאָאַטירן פאָלקס־לידער פאַר טעאַטער [illegible] א זאַך, מיט וועלכער מען האָט ערשט סאַמע אין די לעצטע יאָרן זיך אָנגעהויבן אָפט באַנוצן, (אַזוי טאָמאַשעווסקי אין א סך פון זיינע אָפּערעטעס, באַזונדערס אין זיין אָפּערעטע „דאָס אַלטע לידעלע'', און אַזוי דער קאָמפּאָזיטאָר יוסף רומשינסקי אין

דער מאָדולאַציע פון זיינע ניגונים, קרייצנדיק זיי מיט פאָלקס־מאָטיוון). אָבער ביז מענדעלע איז פּאַרטיק געוואָרן מיט זיין פּיעסע, איז דאָס אידישע טעאַטער אין רוסלאַנד פאַרווערט געוואָרן (17 אויגוסט, 1883). זייט דעם האָרבן פאַרבאָט. עס זיינען שוין געווען פריערדיקע, נאָך וועלכע מ'האָט פאַרט ווייטער געשפּילט — האָבן די אידישע אַקטיאָרן אָנגעהויבן צו שטעלן א שוואַכערן ווידערשטאַנד. מאַסנווייז האָבן זיי עמיגרירט קיין אויסלאַנד (עסטרייך, ענגלאַנד) און פון דאָרט קיין אַמעריקע. מענדעלע איז פּערזענלאַך שוין ניט געקומען אין קאָנטאַקט מיטן אידישן טעאַטער. דערצו האָט זיך אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישער אויפשטייג אלס זיידע פון דער אידישער ליטעראַטור און מער האָט ער ניט געפּרובט זיין ליטעראַרישן טאַלאַנט פאַר דער אידישער בינע.

ערשט אין 1909 ווען דער זיידע האָט געמאַכט זיין באַרימטע טריומפאַ רייזע איבער די אידישע ישובים פון פּוילן און רוסלאַנד און ס'זיינען פאַרגעקומען פייערלעכע קבלת פּנים'ס אויף וועלכע אַקטיאָרן און „ליבהאָבער'' האָבן פאָרגעשטעלט אַקטן פון זיינע פּיעסעס (אויספירלאַך וועגן דעם אין צווייטן און דריטן קאַפּיטל), ערשט דאַמאָלט איז מענדעלע ווידער געקומען אין באַרירונג מיטן אידישן אַקטיאָר.

זייענדיק אין וואַרשע האָט דער זיידע באַזוכט די „וואַרשעווער פאַראייניקטע טרופּע''. לכבוד דעם זיידן האָט מען געשפּילט די קרוין פון דאַמאָלטיקן אידישן טעאַטער־רעפּערטואַר—יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת''. באַלד ווי דער זיידע איז אַריינגעקומען אין זיין לאָזשע, האָט אים דער עולם שטורמיש אַפּלאָדירט. דער אַקטיאָר יעקב ליבערט האָט דאַמאָלט באַגריסט דעם זיידן, וועלכער האָט געענטפערט מיט עטלעכע ווערטער. די אמתע שמחה האָט זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך דער פאָרשטעלונג. אין בופעט פון טעאַטער איז געדעקט געוואָרן א טיש אַרום וועלכן ס'זיינען געזעסן דער זיידע, די אידישע שריפטשטעלער פון וואַרשע און די אַקטיאָרן. דער זיידע האָט געטרונקען דעם ערשטן כוס און אַט וואָס ער האָט געזאָגט: („מענדעלע מוכר ספרים אין יודישן טעאַטער'', אין פּעטערבורגער „פריינד'' פון 13 סעפּט, 1909 אלס איבערדרוק פון מ־ם'ס (מנחם) באַריכט אין וואַרשעווער „היינט'') „דאָס וואָס איך האָב דאָ דערזען, איז געווען אונערוואַרטעט. עס זיינען דאָ אידישע אַרטיסטן און א אידישע סצענע. פעלט איז עס נאָך ניט פאַלקאָם, נאָר אין דעם וואָס דאָ איז פאַראַן, ליגט שוין די מעגלעכקייט פון אַן עכט־קינסטלערישן טעאַטער. נאָר כדי עס זאָל ווערן א קינסטלערישער טעאַטער, דאַרפן ניט נאָר אַרטיסטן זיין, אָבער אויך שטיק. די בינע איז פאַר דער ליטעראַטור דער פאַרמיטלער צווישן איר און פּובליקום, און מיט פאַראייניקטע קרעפטן דאַרף די אידישע בינע אויפגעבויט ווערן''.

נאָך דעם זיידן האָבן גערעדט נאָמבערג און אַש, וואָס האָבן דערקלערט, אַז דעם זיידנס קומען קיין וואַרשע האָט ווירקלאַך פאַרקלענערט אַביסל דעם אָפּגרונט, וואָס

איז ביז איצט געלעגן צווישן די אידישע ליטעראטן און ארטיסטן. שפעטער האט פון די ארטיסטן גערעדט ה. ליבערט. נאר ווי נאמבערג האט באמערקט, איז דער אוונט ווירקלאך געווען דער ערשטער יום־טוב פון דער ליטעראטור און בינע צוזאמען. ריידנדיק וועגן דער פאראייניגונג פון ליטעראטן און ארטיסטן, האט ר' מענדעלע געזאגט: איך זאג אייך ניט קיין דרשות, און וויל ניט, איר זאלט מיינע רייד אויפנעמען ווי א דרשה: דאס וואס איר הערט פון מיר, איז דער טיפסטער וואונטש פון מיין הארצן''.

מיר זעען אלזא, אז דער דאזיקער „טיש'' איז געווען דער ערשטער פרוב צו פאראייניקן די אידישע שרייבער און די אידישע אקטיארן, אבער די אידישע שרייבער אין ווארשע זיינען באלד געקומען צו דער איבערצייגונג, אז מיט ד ע ם אידישן טעאטער קאן מען ניט ארבעטן. די באגריפן וועגן טעאטער און רעפערטואר פון די אלטע אקטיארן רעקן זיך באין אופן ניט מיט די באגריפן פון די אידישע שרייבער און עס איז דעריבער אנשטאנען דער געדאנק וועגן שאפן א נייעם אידישן טעאטער און צו דעם צוועק אנפירן מיט א ספעציעלער אקציע.

איינער פון די אקטיווסטע טוער אויף דעם געביט איז געווען דער דאמאלט נאך־יונגער טעאטער קריטיקער דר. א. מוקדוני, און ער פארצייכנט אזוי זיינעם א שמועס מיט מענדעלען אין ווארשע, בעת די מענדעלע־פייערונגען: (דר. א. מוקדוני — זכרונות פון א יידישן טעאטער־קריטיקער, „ארכיוו פאר דער געשיכטע פון יידישן טעאטער'', ווילנע, 1930, ז. 365) „איך האב פרובירט א רייד טאן מיט מענדעלען וועגן דער לאגע אין אונזער טעאטער און געוואלט אנטאפן ביי אים צי וואלט ער צוגעשטאנען צו א ברייטער אקציע פארן יידישן טעאטער. אבער דא האב איך זיך, ליידער, אנגעשטויסן אויף א טויבער וואנד. מענדעלע איז געווען אזוי ווייט פון דעם ענין טעאטער, אז איך האב באלד איינגעזען, אז איך דארף ניט פארלירן קיין איבריק ווארט.''

דערמיט האט זיך נאך אבער ניט געענדיקט דער פרוב אריינצוציען מענדעלען אין דער אקציע פאר א נייעם אידישן טעאטער. דורך דער איניציאטיוו פון דר. מוקדוני און א. ווייטער איז באשלאסן געווארן צו גרינדן די „יידישע טעאטער־געזעלשאפט''. י. ל. פרץ איז תיכף צוגעשטאנען צו דער אידייע און כונות פון דער געזעלשאפט. אויך אש, נאמבערג און ספעקטאר זיינען צוגעשטאנען צו דער געזעלשאפט. דער גרעסטער נאמען אין דער אידישער ליטעראַרישער וועלט איז אבער דאמאלט געווען דער „זיידע'' און עס איז געווען זייער וויכטיק פאר דער עפנטלעכער מיינונג, אז אויך דער זיידע זאל געבן זיין הסכמה צו דער פראיעקטירטער טעאטער־געזעלשאפט, און כאטש פרץ האט זיכער געוואוסט (פון דר. מוקדונין) דעם זיידנס שטעלונג צום אידישן טעאטער, פונדעסטוועגן האט עס אים ניט אפגעהאלטן צו שרייבן צום זיידן פאלגנדן זייער הארציקן „תחנונים''־בריוו: (פאטאסטאט געדרוקט אין „צייטשריפט'', מינסק, 1926, ערשטער באנד. דער אריגינאל געפינט זיך אין „מענדעלע־מוזיי'' אין אדעס. איבערגעדרוקט דא אין אונזער ארטאגראפיע).

„ווארשע, 11-12, 1910.

ליבער, ליבער מענדעלע!

עס איז געבליבן, אז עס מוז געבויט ווערן א ניי אידיש טעאטער. צו דעם צוועק מוז מען זיך ווענדן צו דער געזעלשאפט נאך הילף. טויזנטער און טויזנטער אידישע נפשות גייען טעגלעך (בעסער געזאגט: אוונטלעך) אין אידישן טעאטער און הערן נישט קיין ווארט אידיש, ווען די זאכן זיינען ערטרעגלעך. אדער נאר אידיש ווען עס ווערט געשפילט דער ערגסטער שונד. „אידיש'' אדער „שונד'' זיינען אין טעאטער פארבונדן געווארן ווי אמאל „אידיש'' און „שמר''.

א חברה שריפטשטעלער און כלל־טוער אין ווארשע (צווישן אנדערע אויסער מיר — דינעזאן, סאקאלאוו, דר. דאווידזאן, דר. לעווין וכו') האט גענומען אויף זיך ארויסצוטרעטן מיט אן אויפרוף וועגן דעם ענין. אינם נאמען פון דער חברה קום איך אייך בעטן, זייער און זייער בעטן, איר זאלט צו אונז צושטיין און לאזן אונטערצייכנען אייער נאמען אויך. אייער נאמען איז, דאס ווייסט איר אליין, דער וויכטיקסטער, דער שטארקסטער... אייער נאמען טאר ניט פעלן. הייבט זיך אפשר אן א ניי בלעטל פון דער אידישער קולטור אדער קונסט־געשיכטע, טא זאל זיך דאס בלעטל אן אייער נאמען נישט אנהייבן.

בעטן מיר אייך דעריבער נאכאמאל און זייער הארציק בעטן מיר אייך, איר זאלט תיכף ומיד אונז אריינשיקן אייער ערלויבניש אונטערצושרייבן אייער נאמען אונטער דעם דערמאנטן אויפרוף.

און זייט מיר געזונט און שטארק נאך אויף לאנגע, לאנגע יארן

אין נאמען פון אלע

אייער, י. ל. פרץ.''

מענדעלע האט זיין שטעלונג ניט געביטן. פרץ'ס בריוו האט אפנים אויף אים ניט געווירקט. אין דר. מוקדונים אויספירלעכע געשיכטע וועגן דער טעאטער־געזעלשאפט (די אויבנדערמאנטע „זכרונות'', אין „ארכיוו'', ז. 401-10) ווערט קיין איין מאל ניט דערמאנט מענדעלעס נאמען אין וועלכער ס'איז הינזיכט אלס מיטבאטייליקטער אין דער גאנצער אקציע, וואס איז געפירט געווארן לטובת דער טעאטער־געזעלשאפט.

ווידער גייען אריבער אייניקע יאר און מיר הערן נארניט וועגן מענדעלען בנוגע דעם אידישן טעאטער. ערשט אין סוף 1913 נאסטראלירט דער באקאנטער אמעריקאנער אקטיאר און פיעסען־שרייבער, בארים טאמאשעווסקי אין אדעס און אין אן ארטיקל אין ניו יארקער „פארווערטס'' (דעצעמבער 7, 1913) שילדערט ער זיינעם א באזוך ביי מענדעלען און א שמועס, אין וועלכן טאמאשעווסקי האט געפרעגט דעם זיידן פארוואס ער שרייבט ניט פארן אידישן טעאטער. דער זיידע זאל האבן אזוי געענטפערט:

„— אין די יונגע יארן וואלט איך אפשר געווען געשריבן, און איך האב אנגעהויבן שרייבן, אבער עס איז ניט ארויסגעקומען אין דער פארמע פון א טעאטערשטיק... איך האב ניט פארשטאנען ווי אזוי מ'גייט ארום מיט מענטשן אויף דער בינע. עס איז מיר אויסגעקומען אדער צו גרויס אדער צו קליין די פארמע פון דער סצענע ווי איך האב זי מיר אויסגעמאלט. האב איך עס איבערגעשריבן און געמאכט ניט פארן טעאטער. לוצאטי האט געשריבן, האט ער דען געשריבן ספעציעל פארן טעאטער? עס האט זיך דאמאלט געשריבן אין אזא פארם. אצינד האב איך אפילו חשק עפעס אנצושרייבן פארן טעאטער, אבער אליין קאן איך דאס ניט טאן. אביסעלע צופיל פאר א זיידן. איך מוז האבן אן איניקל זאל מיר העלפן. און אט וועל איך אייך אויסזאגן א סוד. קיינער ווייסט אים ניט, נאר איך, די אלטע, מיין טאכטער און נאך עטלעכע באקאנטע, וואס וואוינען דא ארום מיר אויף די דאטשעס. איך האב אנגעהויבן שרייבן א זאך פארן אידישן טעאטער און מיין איניקל מארק ארנשטיין העלפט מיר. עס הייסט, מיר העלפן איינער דעם אנדערן, און ווען די זאך וועט פארטיק זיין, וועל איך עפעס איבערלאזן.''

פון דעם שמועס דערוויסן מיר זיך צוויי זאכן:

1) אז מענדעלע האט געפרובט שרייבן א פיעסע און זי שפעטער באארבעט אלס בעלעטריסטיש ווערק.

און עס וואלט געווען זייער אינטערעסאנט פעסטצושטעלן וועגן וועלכן ווערק עס האנדלט זיך.

2) אז דער זיידע האט אנגעהויבן צו שרייבן א נייע פיעסע, און אז מארק ארנשטיין העלפט צו צו דער פיעסע.

בנוגע דעם צווייטן פונקט איז פאראן נאך אן עדות. (ק־י. מ. קיטאי — בא ר' מענדעלע מוכר ספרים. „נייע צייט'', קיעוו, נאוועמבער 29, 1917).

„דער זיידע דערציילט וועגן א גרויסער דראמע, וואס ער האט געהאט בדעה אנצושרייבן אויף זייער אן אריגינעלער טעמע. אים איז שווער געווען צו שרייבן, האט אים א אידישער דראמאטורג צוגעזאגט העלפן. נאר ער האט נישט מקיים געווען. דער איינענער דראמאטורג האט וועגן דער טעמע פון דער דראמע דערציילט מאקסים גארקין, וועלכן דאס איז זייער געפעלן געווארן.''

טאמאשעווסקיס קארעספאנדענץ איז געדרוקט אין 1913. ק־י'ס קארעספאנדענץ איז געדרוקט אין 1917. הייסט עס, אז נאך 4 יאר צייט האט אלץ דער זיידע ניט פארגעסן אין דער אנגעהויבענער פיעסע. נאך א שטריך צו דער פיעסע איז פאראן אין דער קארעספאנדענץ: „פאר דער דאזיקער דראמע האט ער (מענדעלע) באדארפט צו וויסן ווי האט געהייסן דער איד, וואס איז געווען שטארק באפריינדעט מיט ביסמארקן''.

היות ס'ווערט אין דעם ענין דערמאנט דער נאמען פון מארק ארנשטיין, האט דער שרייבער פון דעם ארטיקל זיך געווענדעט צו ארנשטיינען וועגן פרטים מכח דער געפלאנטער פיעסע, און אין ארנשטיינס געשריבענעם ענטפער ווערט צווישן אנדערן דערציילט ווי אין 1913 איז אין אדעס אין קרייז מענדעלע, ביאליק, ראווניצקי, פרישמאן, ספעקטאר, פרוג און י. י. ליניעצקי ארויסגערוקט געווארן דער פארשלאג, אז ארנשטיין זאל גרינדן א „ליטעראריש טעאטער'' און אין שייכות דערמיט האבן אייניקע פון די אויבנדערמאנטע גענומען אויף זיך צו שרייבן פיעסעס אדער דראמאטיזירן זייערע בעלעטריסטישע ווערק. מענדעלע האט זיך אונטערגענומען אנצושרייבן מיט מיר צוזאמען א נייע פיעסע. ס'פארשטייט זיך, אז דעם לעצטן פארשלאג האב איך אנגענומען מיט באגייסטערונג. א מיטארבעטער פון דער אדעסער צייטונג „יוזשנאיא מיסל'', וועלכער איז געווען דערביי, האט טאקע באלד אין א פאר טעג ארום, הערנדיק, אז מיר זיינען שוין צוגעטראטן צו דער ארבעט, אפגעדרוקט א נאטיץ אין זיין צייטונג (אויגוסט 15, 1913): „דער זיידע פון דער אידישער ליטעראטור, מענדעלע מוכר ספרים (אבראמאוויטש) האט אנגעהויבן שרייבן א פיעסע פון אידישן לעבן צוזאמען מיט א. מארעק (ארנשטיין). די דאזיקע פיעסע וועט צוערשט אויפגעפירט ווערן אין ניו יארקער נעשאנאל טעאטער (דאס נעשאנאל טעאטער האט צו יענער צייט געהערט צו בארים טאמאשעווסקי)''.

אין דער זעלבער צייט איז געקומען קיין אדעס בארים טאמאשעווסקי. טאמאשעווסקי דערוויסנדיק זיך דערפון, איז צוגעפארן צו מענדעלען, ער זאל מיט מיר צוזאמען קומען קיין אמעריקע צו דער פרעמיערע. קיין קאנטראקט האבן זיי דאמאלט נישט געשריבן, ווייל די פיעסע איז נאך געווען אויפן דאך...

קורץ: מיר האבן קוים באוויזן אויסצוארבעטן אן אינהאלט און אן אלגעמיינעם פלאן. דער אינהאלט איז געווען — ווי פאר מענדעלע — מער אלס אריגינעל. זיין הויפטהעלד האט געזאלט זיין... לאסאל! געוואלט האט ער, אז לאסאלס טראגעדיע זאל באשטיין אין דעם, וואס ווילנדיק דוקא זיין אן אינטערנאציאנאליסט, קאן ער זיך דאך ניט באפרייען פון זיין אידישקייט, וואס לאזט נישט צורו אויף קיין איין מינוט... דאס ערשטע בילד האב איך אנגעשריבן. דאס צווייטע בילד האט אנגעשריבן מענדעלע. דערווייל בין איך ארויסגעפארן קיין אמעריקע (סוף 1913), און ווען כ'בין צוריקגעקומען קיין אדעס, האט שוין געבושעוועט דער וועלט־קריג. קיין קאנטראקט מיט אמעריקע האבן מיר שוין ניט געהאט, שאפן אין אדעס א גוט אידיש טעאטער איז דאמאלט אויך נישט געווען מעגלעך. באלד בין איך ארויסגעפארן קיין מאסקווע, וואו איך בין שוין פארבליבן ביז נאך דער רעוואלוציע. דערווייל איז מענדעלע געשטארבן, און איך ווייס נישט וואס ס'איז געווארן מיט דעם טייל מאנוסקיפט, וועלכן מיר האבן שוין צוזאמען באארבעט''.

א העלן שיין אויף מענדעלעס באציאונג צום אידישן טעאטער, צום אידישן אקטיאר און צו דער אידישער קריטיק ווארפן — לויט בארים טאמאשעווסקי, די רייד פון זיידן: (טאמאשעווסקיס געשפרעך מיט מענ־

דעלע מוכר ספרים, „פאָרווערטס'' דעצעמ. 14, 1913).

„— יעקב גאָרדין האָט דאָס אידישע טעאַטער מגייר געווען. אָבער עס איז נאָך ניט דאָס וואָס עס דאַרף זיין. ווען איך האָב געדענקט וועגן שרייבן פאַר דער בינע, האָב איך ניט געמיינט איר מגייר צו זיין. איך האָב געמיינט אידיש, אידיש לעבן. אידיש טעאַטער דאַרף זיין אידיש, ניט אויסגעבאָרגט און ניט נאָכגעמאַכט.

דאָס אידישע טעאַטער דאַרף טראָגן אויף זיך און אין זיך דעם אידישן גייסט, און דאָס דאַרף זיין אין א לייכטער פאָרם, און פאַרשטענדלעך, מ'קאָן מיט דעם פאָלק ניט פילאָזאָפירן, ווייל מיר האָבן נאָך ווייניק פילאָזאָפן. מיר דאַרפן קומען נאָנט צו דער מאַסע און זיך ניט דערווייטערן פון איר.

און ווען איך זע, אָדער בעסער געזאָגט, איך לייען זאַכן, וואָס זיינען געשריבן פאַרן אידישן טעאַטער, און די זאַכן זיינען ניט אונזערע אייגענע, נאָר אויסגעבאָרגטע אָדער איבערגעניצעוועטע, אָדער גאָר נאָכגעמאַכטע פאָוסטס, האַמלעטס; נאָכגעמאַכטע נאָך זודערמאַנס, אָדער הויפּטמאַנס ווערק, געפעלט דאָס מיר ניט, און דאָס קאָן דעם כלל אידן ניט געפעלן, ווייל א איד דערפילט באַלד וואָס עס איז ניט אידיש. ער דערשמעקט דאָס אידישקייט, און דאָס אידישע קאָן אים און מוז אים געפעלן. דאָך אָבער זיינען גאָרדינס זאַכן ניט שלעכט. אַט אַזאַ פאָרם אידיש טעאַטער שטעל איך מיר פאָר, און איך וועל דאָס נאָך אָנשרייבן... און איך וועט דאָס שפּילן אין אַמעריקע, און עס קאָן מעגלעך זיין, אַז איך זאָל נאָך זיצן אין דער לאָזשע און זען מיין טעאַטער־שפּיל.

קומען קיין אַמעריקע וועל איך ווען מיין פּיעסע וועט אויפגעפירט ווערן.

אַט זעט איר אויף וועמען איך האָב גרויס פאַרדרוס — דאָס איז אויף אונזערע קריטיקער. נאָך מיין מיינונג זיינען מיר אין פאַרגלייך מיט די אומות העולם ווייט אוועק... און מיר שיינט, אַז ווען א קינד לערנט גוט, דאַרף מען אים אונטערגעבן חשק, און ביי אונז קומען אונזערע קריטיקער און פאַרלאַנגען פון דעם אידישן אַקטיאָר אַביסעלע צופיל.

ער קאָן ניט זיין א פּיגנער, א פּאַסאַרט, א קאָקלען, און זיין בעסער ווי ער איז.

אַט די געציילטע מאָל ווען איך בין געווען אין אידישן טעאַטער, האָב איך באַוואונדערט דעם אידישן אַקטיאָר. צו שרייבן וועגן אים האָב איך ניט געפונען קיין שלעכטס. פאַרקערט, נאָר גוטס, און איך זאָג, אַז מען באַגייט א גרויסע זינד ווען מען קריטיקירט א אידישן אַקטיאָר.

מען דאַרף אים אָנווייזן און פאַרריכטן זיינע פעלערן, אָבער ניט אַרונטעררייסן. ווען איך לעז א קריטיק איבער אידיש טעאַטער, האָב איך האַרצווייטאָג.

און דערפאַר וויל איך קיין קריטיק איבער אידיש טעאַטער קיינמאָל ניט לעזן''.

אויב אַפילו טאָמאַשעווסקי זאָל האָבן אַביסל „צוגרימירט'' דעם זיידנס שפּראַך און אפשר טיילמאָל ניט גאַנץ גענוי איבערגעגעבן זיינע רייד, פונדעסטוועגן ווערט דערפון קלאָר פאַרוואָס דער זיידע האָט זיך אַזוי נעגאַטיוו פאַרהאַלטן צו פּרץ'ס געפּלאַנטער טעאַטער־געזעלשאַפט, וועלכע איז געווען א פולשטענדיקער קעגנער פון אַלטן אידישן טעאַטער און פון אַלטן אידישן אַקטיאָר.

פון דעם שמועס איז אויך קלאָר, אַז דער זיידע האָט נאָך געחלומט אָנצושרייבן א פּיעסע און אַפילו דורך איר צו קומען אין אַמעריקע.

אָבער קורץ דערויף ברעכט אויס די וועלט־מלחמה. אַן איבערקערעניש אין דער אַלגעמיינער וועלט און אין דער אידישער בפרט. ערשט אין 1917 הייבן אָן צו בלאָזן נייע ווינטן פאַר אידן. צום ערשטן מאָל פאַר דער געשיכטע אין אייראָפּע, הייבן זיך אָן די אידישע אַקטיאָרן צו אָרגאַניזירן. דעם 29־טן אויגוסט ביז דעם 3־טן סעפּטעמבער, 1917 איז אין קיעוו פאָרגעקומען דער ערשטער אידישער אַרטיסטן צוזאַמענפאָר. דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין דער קיעווער מלוכה־אוניווערזיטעט פון הייליקן וולאַדימיר. אַט די געביידע, וואו אידן און א אידיש וואָרט זיינען געווען ביז דאָן לחלוטין טריף, האָט דאַמאָלט פונאַנדערגעעפנט ברייט אירע טירן פאַר אידישע קאָנפערענצן, צוזאַמענפאָרן, א. ד. ג.

אויף דער ערשטער פייערלאַכער זיצונג פונם צוזאַמענפאָר (ביים ביייזיין פון אַן אָרקעסטער) איז דאָן פאָרגעלייענט געוואָרן אַן אָריגינעלע, עכט מענדעלעשע באַגריסונג וואָס מ'האָט געבראַכט פון זיידן פון אָדעס. דער איינדרוק פון דער איבערגעלייענטער באַגריסונג איז געווען א גוואַלדיקער.

די באַגריסונג איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין א סך אידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס (אונז זיינען באַקאַנט: „נייע צייט'', קיעוו. „פאָרווערטס'' נ.י. „דער אידישער אַרטיסט'', כאַרקאָוו. „לאָדזשער פאָלקסבלאַט''. „ליטעראַרישע בלעטער'', וואַרשע).

מיר וועלן פון איר ציטירן די סאַמע כאַראַקטעריסטישע שטעלן:

„ ...באַזונדערס טרויעריק. שרעקלעך איז דאָס האַרצווייטאָק פון עלטערן, וואָס אומשטענדן האַלטן זיי אָפּ צו קומען אויף שמחות ביי בידנע קינדער, אַזעלכע, וואָס האָבן זיך גענוג אָנגעליטן נעבעך אין די יונגע יאָרן, פאַרבראַכט די יוגנט אין צרות און לייד, אין נויט, אין דחקות, אין עלנט וכל המיני פורעניות. ...אַך, א פינסטערע, א ביטערע, א וויסטע קינדהייט האָבן זיי נעבעך געהאַט. קיין רחמנות, קיין הילף פון קיינעם ניט, נאָר בזיונות פון איטלעכן, קיין גוט וואָרט געהערט האָבן זיי פון קיינעם ניט, א חוץ נאָר געשפּעט מיט רשעות, פאַרוואָס נישט אַזוי, פאַרוואָס נישט ווי ביי לייטישע קינדער. אַז אַך און וויי איז נעבעך געווען די קינדער און וויי, וויי די עלטערן, וואָס האָבן צוגעזען אַזעלכע שווערע ליידן.

און היינט, אַז פון די קינדער איז ברוך־השם געוואָרן לייט, דאָס מזל האָט זיי געשפּילט דערהויבן צו ווערן, זיך משדך צו זיין מיט דער יידישער פּובליקע, ר' יידלס א טאָכטער, א פיינע, א מיוחסת, ר' ישראל יאַנקעלס אַן אייניקל. היינט, אַז די געהויבענע משפּחה, מחותנים און קרובים פאָרן זיך צענויף צוזאַמען אָפּשפּילן מיט כלי־זמר, מיט רבנים, מיט משוררים און בדחנים, א פריילעכע חתונה — היינט שטייען די עלטערן מיט א שווער ביטער האַרץ פון דערווייטנס. אַך, טרויעריק, טרויעריק! — דאָך, מיינע ליבע, מיינע ליבהאַרצעדיקע טייערע, שטאַרק איך מיך מיט אַלע כחות, מאַך מיר האַרץ נישט צו שטערן אייער שמחה. איך הויב אויף פון דערווייטנס א כוס של ברכה און טרינק ווי גאָר א נאָנטער מחותן, צו אייך אַלע דאָרט לחיים!

לחיים! עס מאַכט ניט אויס אויב אין כוס פאַלט אַריין א טרער ווי יענע פון חתן־כלה צום באַדעקנס. דאָס איז אַזאַ קרעכץ ווי דער קרעכץ פון טאַטע־מאַמע פאַר דער חופּה. נו, לחיים, יידישע קינדער, השם יתברך זאָל געבן דער זווג זאָל עולה־יפה זיין. איר זאָלט איינער פון די אַנדער נחת האָבן, זיך עלטערן אין גליק און פרייד אויף לאַנגע יאָר. ביידע צדדים זאָלן צופרידן זיין, האַלטן וואָרט און מקיים זיין וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט. פון אייער זייט, קינדער, זאָלט איר ערפילן די התחיבות און די האָפנונגען וואָס מ'לייגט אויף אייך אַרויף.

איר זאָלט באַנגערן לערנען, אָרנטלעך האַנדלען, איר זאָלט מאַכן זיך א שם אין דער וועלט מיט אייערע עסקים; סחורה זאָלט איר האָבן פון דעם בעסטן און שענסטן סאָרט און נוצלעכסטע. וואָלוועלע, פוילע פאַר די פּורים־שפּילער! און מצד הכלה, פון דער פּובליקום־זייט, ווינטש איך, זאָלן די מחותנים מסלק זיין כפי המדובר עד פּרוטה אחרונה, האַלטן אייך בכבוד אויף קעסט און געבן אייך אַן אויסשטאַט פּירונג כדרך הנגידים. — הכלל, יידן, זאָל זיין ווי מיר ווינטשן זיך אַליין ישועות ונחמות אויף כל יישראל. לחיים אויך איר, ר' יידל! א מחותן זענט איר אַפילו זייער א שיינער, א פיינער. דער עולם ביי אונז שמועסט, אַז איר זענט א גביר. „זייער'' עולם זאָגט, אַז איר האָט אין היינטיקער צייט פאַרדינט מיליאָנען, איר זענט אָנגעשטאָפּט מיט געלט. נאָר וואָס דען, איר זענט — זאָגן שונאים — נישט אויסגערעדט זאָל דאָס זיין א... א... מאַלע וואָס שונאים זאָגן. הלואי די צונג זאָל זיי אָפּדאַרן. לחיים! צעגאַרטלט אייך, ר' יידל, שונאים אויף צוזעצעניש, גייט אַרויס מיט דער מטבע. נישקשה, דער אויבערשטער וועט אייך ממלא זיין. נישקשה, עס מעג אייך אָנשטיין האָבן מיך פאַר א מחותן. איר זענט אודאי א שיינער מחותן. אויף ריידן, צוזאָגן, האָט איר מהיכא תיתי א צינגל, מען קען אייך ווער איר זענט. איך בין ברוך־השם, אויך נישט פון די, וואָס צוויי פאַר א גראָשן. אין יחוס קאָן איך מיט אייך זיך פאַרגלייכן. דער וועלט באַרימטער אַברהמצי איז מיינער אַן עלטער־זיידע, געלערנט יונגלווייז האָב איך ביי ר' משה מלמד אין חדר. אַז דער יוגנט האָב איך מיר אַפילו געפּרובט אויך אָנשרייבן עטלעכע ביכלעך . . . נאָר צו וואָס ר' יידל, ווערטער. ווערטער באַהאַלט פאַר אייך און לאָזט אייך זען מיט א גראָשן, זענט נאָר נישט קיין ד''א... ר' יידל, אם ירצה השם, אַז גאָט וועט מיר שענקען געזונט און לעבן, וועל איך קומען צו גאַסט צו אייך, צו די קינדער, מיט נייע ביכלעך און וועל זיך לאָזן זען מיט א שיינעם דרשה־געשאַנק. . .''

קורץ נאָכן צוזאַמענפאָר, דעם 8־טן דעצעמבער, 1917, איז דער זיידע געשטאָרבן.

.2

די ערשטע פּיעסע, וואָס מענדעלע מוכר ספרים האָט אָנגעשריבן, איז געווען „די טאַקסע''. („די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָדט בעלי־טובות'', זשיטאָמיר 1869. ווילנע 1872. ניו יאָרק 8־1907. וואַרשע 1911. וואַרשע 1913. וואַרשע 1928). די פּיעסע איז געווען ביי אים פון זיינע ערשטע ווערק און מענדעלע האָט געהאַט א טבע זייער צו שלייפן זיינע ווערק בעת זייערע ווייטערדיקע אויפלאַגעס. אָבער אַפּנים, אַז „די טאַקסע'' האָט ער געהאַלטן פאַר אַן אָפּגערונדעטע, פאַרענדיקטע זאַך. דער אידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור פאָרשער, י. נוסינאָוו, (פון בוך צו בוך, „צייטשריפט'' מינסק 1928) וועלכער האָט גרינדלעך דורכגעשטודירט אַלע אויפלאַגעס פון „די טאַקסע''. שטעלט פעסט, אַז אַרום און אַרום זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער פּיעסע 37 קליינע ענדערונגען. אַזוי האָט אין דער ערשטער אויסגאַבע דאָס ווערק געהייסן „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָט־בעלי־טובות'' און דערביי איז געווען צוגעגעבן אַלס מאָטאָ „מושד עניים מאנקת אביונים עתה אקום'' (תהילים, יב, ו) און אַלס מחבר איז ניט געווען אָנגעגעבן פּשוט מענדעלע מוכר ספרים, נאָר ס'איז אָנגעווענדעט געוואָרן דער אַלטער משכילישער אופן פון חתמענען דעם מחבר: „נעדרוקט בהשתדלות מענדעלע מוכר ספרים''. אין דער ערשטער אויפלאַגע איז אויך געווען א ווידמונג אין דער רוסישער שפּראַך צום אָדעסער שטאָט־פּרעזידענט און א ווענדונג אין רוסיש פון מחבר צו אים. אין דער דריטער אויסגאַבע (יובילעי־אויסגאַבע, וואַרשע, 1911) איז אַראָפּגענומען געוואָרן די משכילישע חתימה, און עס איז פּשוט אָנגעגעבן אַלס מחבר מענדעלע מוכר ספרים. עס זיינען פולשטענדיק באַזייטיקט געוואָרן די צוויי רוסישע ווידמונגען און בנוגע די ענדערונגען אין טעקסט, האַלט נוסינאָוו, אַז „די פעסטגעשטעלטע ענדערונגען האָבן א באַשטימטן ווערט פאַר דער מענדעלע־קענטניש. דאָס פאַרשן זיי קאָן אין קיין פאַל ניט באַטראַכט ווערן פאַר אַן אָפּאָלאָגעטישע גריבלעריי. נאָר ווי עס איז צו זען פון די 37 ענדערונגען האַנדלט זיך דאָ בלויז פון א לייכטער וואָרט־רעדאַקציע און בשום אופן נישט פון קיין איבעראַרבעטן אָדער איבערבויען דאָס ווערק. פון קיינע פאַרשיידענע וואַריאַנטן קאָן בנוגע דער „טאַקסע'' קיין רייד ניט זיין''.

ווייטער האַלט נוסינאָוו (ז. 480), אַז פון דער

די גאַנצע „האַפּטע פאַרשוינען'', וואָס טומלען זיך אין קאַבצאַנסק און אין טונעיאַדאָווקע.

„אויף אַזאַ עולם קאַן, אמת, קיין וועלט־דראַמע ניט אויפגעבויט ווערן. פון אַזאַ פּעקל פאַרשוינען קאַן ניט אויסוואַקסן שעקספּירס אַ דראַמע, אַ „פויסט'' פון געטע אָדער „די רויבער'' פון שילער, אָבער אַזאַ עולם איז אויך ניט בכח צו אויפהויבן זיך אין די הימלען און פירן אַ וכוח פון ענינים, וואָס האָבן קיין דירעקטן שייכות ניט צום לעבן אין גלופּסק.

„מענדעלע האָט, ווי זיינע פאָרגענגער, אין דער אידישער ליטעראַטור, ניט געהאַט אין זינען אַ קאָנקרעטע בינע, שוישפּילער אדג., ער האָט גאָרניט געטראַכט פון אַ אידיש טעאַטער. אים אַליין איז זאָגאַר ניט געווען גאַנץ קלאָר פאַרוואָס האָט ער געשריבן „די טאַקסע'', „דער פּריזיוו'' אין דער פאָרם פון אַ דראַמע. מענדעלע פּרובירט צו ערקלערן אין זיין הקדמה צו דער „טאַקסע'' פאַרוואָס האָט ער אויסגעשטעלט צום אָנהויב פון זיין דראַמע אַ צעטל פון פאַרשוינען.

„ער וויל באַווייזן, אַז ער האָט עס ניט געטאָן פון גאוה וועגן, חליה. „איך האָב געמאַכט אַ באַזונדער צעטל — זאָגט מענדעלע — פון די אַלע פּערזאָנען, וואָס קומען פאָר אין דער מעשה כדי זיי זאָלן אַלע שטיין פאַר די אויגן און מען זאָל זיי תמיד געדענקען''.

„אַ האַרבערע קשיא — פאַרוואָס האָט ער בכלל גענומען די דראַמאַטישע פאָרם — דאָס איז איינגעטלאָך פאַרן זיידן אַליין ניט געווען קלאָר. דער זיידע האָט גע־פּרובט שרייבן אויף אַלע אופנים. ער האָט זיך באַנוצט מיט פיל פאָרמען און ער האָט די דראַמאַטישע פאָרם ניט געקאָנט באַליידיקן.

„די טאַקסע'' און „דער פּריזיוו'' געהערן גראָד ניט צו די בעסטע ווערק פונם זיידן. די דראַמאַטישע פאָרם האָט מענדעלען געבונדן די הענט און ער האָט זיך ניט געקאָנט פריי באַוועגן. ....די פאָרם האָט געצוואונגען מענדעלען צו פאַרקוקן זיך אין אַ ווינקל און לאָזן אַנדערע ריידן. אין די דראַמען איז ניטאָ מענדעלע אַליין. איר זעט ניט זיין קלוגן שמייכעלע, זיין טיפן בליק, איר הערט ניט זיינע האַרציקע ווערטער, איר זעט ניט זיין ביידל, זיין פּעקל ספרים און הערט ניט. ער שמועסט מיטן פאָלק ישראל. מענדעלע האָט טאַקט: ער ווייסט, אַז אין אַ דראַמע , וואו מענטשן ריידן צווישן זיך, טאָר מען ניט אַריינפאַלן יענעם אין די רייד. מען דאַרף שטיין אָן אַ זייט און ריידן. מענדעלע קאָן זיך אַמאָל ניט איינהאַלטן, ער שטעלט זיך אַריין אויפן סוף בלעטל, צו די קלוגע אָדער נאַרישע רייד פון אַ פּערזאָן, אַ שטיקל הערה אָדער גלאַט עפּעס אַ טענה.

די צוויי דראַמעס האָט געשריבן שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש און ניט מענדעלע. ....נאָר די הקדמה (צום „פּריזיוו'') איז מענדעלעס. אויף דער דראַמע אַליין רוט שוין ניט דער בליק פונם אידישן פּקח. ...אַבראַמאָוויטש האָט אויסגעוויילט די דראַמאַטישע פאָרם ווייל ער האָט געוואָלט זאָגן אַן ערנסט און ביטער וואָרט. ער האָט געוואוסט, אַז מענדעלע וועט ניט אַריינשטעקן זיין נאָז אַהין אין די הויכע פענסטער און ער וועט אים ניט שטערן צו באַווייזן זיין צוויטן איך.

די „טאַקסע'' איז אַ ריין־משכילישע באַשעפעניש : אַבראַמאָוויטש, ניט מענדעלע, האָט אויסגענוצט די טאַקסע אַלס קאַמף־מיטל. מענדעלע וואָלט העכסטנס מיט אַ ביטערן שמייכל געלאַכט פון דער טאַקסע און אירע מנהיגים. ....מענדעלע האָט קיין שייכות ניט צו די צוויי דראַמעס, ניט דער קינסטלער האָט זיי געשריבן, נאָר דער „קעמפער'' אַבראַמאָוויטש... דאָס איינציקע, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט גענומען ביי זיין נאָנטן ליבן מענדעלע, איז די שפּראַך, דער ערנסט צום וואָרט און דעם רעאַליסטישן חוש''.

אָבער טראָץ דער מיינונג פון די אָפּיציעלע טעאַטער קריטיקער איז דאָך געקומען אַ מאָמענט ווען דעם זיידנס „טאַקסע'' האָט פאָרט דערלעבט דאָס ליכט פון די בינע־ברעטער. דאָס איז פאָרגעקומען בעת מענדעלע־פּסיכאָז, וואָס האָט געהערשט אין די יאָרן 1909-11 בעת מענדעלעס גרויסער טריאומף־רייזע איבער רוסלאַנד. צו יענער צייט האָט מען אין פיל שטעט (ווי מיר וועלן ווייטער זען) געשפּילט אויף דער בינע סצענעס אָדער אַקטן פון מענדעלען און דאַמאָלט האָט מען אויך געשטעלט די „טאַקסע''. קיין גענויע פּרטים וועגן דער אויפפירונג זיינען ניטאָ. בלויז אין איין אָרט („זכרונות וועגן מענדעלע'', 20־טער באַנד פון אַלע זיינע ווערק, וואַרשע, 1928. ז. 86) ווערט געבראַכט אַ נאָטיץ, אַז אין מאַנטשעסטער (ענגלאַנד) בעת דער מענדעלע־פייערונג אין 1910-11 האָט מען אויף אַ מענדעלע־אָוונט איינגעאָרדנט דורך דער „חברת ציון'' אויפגעפירט „די טאַקסע''.

עס וואָלט געווען כדאי פעסטצושטעלן ווער די שפּילער זיינען געווען, דער רעזשיסער און וו אָ ס מען האָט געשפּילט פון דער „טאַקסע'', די גאַנצע פּיעסע, אַקטן אָדער בלויז געוויסע סצענעס.

די ע ר ש ט ע ג אַ נ צ ע אויפפירונג פון דער „טאַקסע'' איז וואַרשיינלעך פאָרגעקומען ערשט איבער 10 יאָר נאָכן זיידנס טויט. אין 1928 זיינען איבער די אידישע ישובים פון ראַטנפאַרבאַנד פאָרגעקומען גרויסע מענדעלע־פייערונגען (וועגן איניקע וועט נאָך אויסקומען שפּעטער צו ריידן) און אויף איינער פון זיי (בערדיטשעווער אַרבעטער קלוב אָפּן נאָמען פון ה. לאַזאָווסקי) איז אין מערץ 1928 אויפגעפירט געוואָרן אין אַ קאָמפּאַקטער פאָרם אונטער דער רעזשי פון ה. בראַווערמאַן, מענדעלעס „די טאַקסע'' מיט מוזיק פון שידלאָוויטש. ביידע מענדעלעס „העלפער'' זיינען ניט קיין פּראָפעסיאָנאַליסטן און דער שרייבער פון דער איבערזיכט וועגן דער פאָרשטעלונג באַדויערט וואָס מ'העלפט ניט אַנטוויקלען דעם רעזשיסער און קאָמפּאָזיטאָר פון דער פאָרשטעלונג, (אַב. — מענדעלעס „טאַקסע'' אין בערדיטשעווער אַרבעטער־קלוב, „דער שטערן'', כאַרקאָוו, 30טן מערץ, 1928). וועלכע מ'וואָלט געדאַרפט שיקן קיין מאָסקווע אין די דאָרטיקע פאַר־שולן כדי זיך צו פאַרפולקאָמען. וועגן דער אויפפירונג גופא שרייבט ער :

„בערדיטשעווער אַרבעטער־קלוב אויפן נאָמען פון ה' לאַזאָווסקי פאַרמאָגט אַ קרעפּטיקן דראַמקרייז, וואָס עקזיסטירט שוין 4 יאָר (זייט 1924). ער באַשטייט פון 26 מענטשן. 18 פון זיי זיינען אַרבעטער דירעקט פון דער פּראָדוקציע. עס איז אַן עכטער אַרבעטער־דראַמקרייז. זיין לעצטע שטעלונג איז מענדעלעס „טאַקסע''.

די „טאַקסע'' איז ביי זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָל פון עקספּלואַטאַציע, פון פינצטערניש, פון דערנידערונג.

ביי מענדעלען זיינען גענומען געוואָרן די מער סצענישע ערטער.

די ווערטער האָט דער אָנפירער ה' בראַווערמאַן אָנגעגאָסן מיט געזאַנג, באַוועגונג און טענץ. ס'האָט זיך באַקומען אַ פריילעכע שפּיל אין עטלעכע בילדער.

אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט די סצענע „ביי דער שחיטה''. די פּעדערפּליקערס זיינען פאַרגעשטעלט געוואָרן אייגנאַרטיק, לעבעדיק און פריש. ס'איז אויסגענוצט געוואָרן פיל פאָלקס־מאָטיוון. מען דאַרף דאָ דערמאָנען דעם באַגאַבטן מוזיקער ה' שידלאָוויטש (ער האָט געשריבן די מוזיק צו דער „טאַקסע'').

גלייכצייטיק איז פאָרגעקומען אַ צווייטע טיילווייזע אויפפירונג פון „די טאַקסע'' בעת אַ מענדעלע־פייערונג אין מאָסקווע. (משה טייטש — די מענדעלע פייערונגען אין ראַטנפאַרבאַנד, „די פּרעסע'', ב. א., 15טן אַפּריל, 1928), וועגן דער אויפפירונג גופא זיינען פאַראַן אינגאַנצן איניקע שורות: „דער דראַמאַטישער קרייז פון יידישן אַרבעטער־קלוב „קאָמוניסט'' האָט פאָרגעשטעלט סצענעס פון מענדעלעס „טאַקסע''.

אָבער אויב מען האָט „די טאַקסע'' ניט געשפּילט אַלס „טאַקסע'', האָט מען זי געשפּילט אונטער אַנדערע נעמען, קאָמפּילירט מיט מענדעלעס „פּריזיוו'' אָדער מיט אַנדערע דראַמאַטיזירונגען פון זיינע בעלעטריסטישע ווערק — נאָר דאָס געהערט צו אַן אַנדערן קאַפּיטל.

בלויז אין 1928 זיינען אויף אַ שול־פאָרשטעלונג אין ווילנע אויפגעפירט געוואָרן סצענעס פון דער „טאַקסע'' אונטערן נאָמען „אַמאָליקע בעלי־טובות'', וואָס זיינען אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זשורנאַל „גרינינקע ביימעלעך'' און אין 1928 דערשינען אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע: מענדעלע מוכר ספרים (ש. י. אַבראַמאָוויטש) אַמאָליקע בעלי־טובות. סצענעס פון דער „טאַקסע''. אויסגעשניטן און צוגעפּאַסט פאַר אַ שול־פאָרשטעלונג דורך ש. באַסטאָמסקי. ווילנע. פאַרלאַג „נייע אידישע פאָלקסשול. 19128, 32 זייטן.

(צווייטער אַרטיקל אין קומענדיקן נומער)

ל י ד ע ר

יעקב גלאַנץ (מעקסיקע)

פּאָעטן אין פּורפּורנעם שיין . . .

אין שיין פון פאַרנאַכט־האָריזאָנט!
פּאָעטן אין פּורפּורנעם שיין,

אייער וואָרט איז מיר נאָענט,
ווי בלוט אין מיין גוף.
אייער רוף
אין דער נאַכט,
אין דער ווייט,
און אייער שטים וואָס זי שרייט
און אין אייגענעם עכאָ פאַרשטומט, —
איז פּונקט ווי דאָס קול וואָס דערוואַכט
אונטער דומפּיקע קלעפּ
און שטייגט ווי אויף טרעפּ
אינדערהויך,
אינדערהויך — — — —

דאָרטן הייבגט אויך
מיין וואָרט ניט דערהערט,
און פלאַטערט ווי אַ קנעכט
פאַרן קנוט . . . — — —

דאָס וואָרט פון מיין בלוט
אין בלוטיקן שיין. —

דאָס וואָרט פון מיין אייגענעם זיין . . .

וואו ווײ־געשריי . . .

וואו ווײ־געשריי — מיין עכאָ־ליד,
אין וועלט־געדריי — מיין בלוט צעגליט . . .

טאָט ווערט וואָרט און האַרץ איז אויער,
וואו פרייד — אויך דאָרט איז טרויער . . .

וואָרט איז טאָט — ווען מענטשן־ווערט,
און ווערט פאַראַט און ניט דערהערט,

ווען ציר־לבוש, — ניט האַרץ־געכליפּ.
ווי צאַרטער קוש פון פאַלשער ליפּ . . .

יהודה גערטלער

מיט וואָס קומט רוזוועלט צו די וויילער?

מיט דער שליסונג פון דער ערשטער סעסיע פון 74־טן קאָנגרעס האָט די רוזוועלט אַדמינסטראַציע פאַרענדיקט דעם ערשטן, און ווי זי וויל האָבן, דעם וויכטיקסטן טייל פון איר אויפלעבונגס פּראָגראַם. ביי דער סעסיע, די לענגסטע אין די לעצטע 14 יאָר, איז דער אַדמיניסטראַציע געלונגען דורכצופירן אַלע געזעץ־פּראָיעקטן, וועלכע זיינען דירעקט, אָדער אומדירעקט, דורך איר פאָרגעשלאָגן געוואָרן. פּרעזידענט רוזוועלט האָט ניט גערוט, ער האָט אויסגענוצט זיין גאַנצן איינפלוס צו ווירקן אויף די געזעצגעבער, אַז זיין, אַזוי גערופענער „מוז" פּראָגראַם זאָל אָנגענומען ווערן ביי דער סעסיע. וואָסערע מיטלען ער האָט דערביי אָנגעווענדט איז דאָ ניט וויכטיק. דער פאַקט איז, אַז ער האָט אויסגעפירט. דאָס מוז פּראָגראַם איז אריין אין די געזעץ ביכער פון לאַנד.

אין פאַרלויף פון די זיבן חדשים, וואָס די סעסיע האָט געדויערט, איבערהויפּט אין די לעצטע עטלאַכע חדשים, האָט מען ניט איינמאָל געהערט דייטלאַכע אָנצוהערענישן, מצד פאַרשידענע קרייזן, מכח א כלומרשטן ריס צווישן פּרעזידענט און קאָנגרעס. יעדער מינדסטער אינצידענט איז פון געגנערישע צייטונגען און און פּאָליטישע שונאים מער ווי איינמאָל אויסגעטייטשט געוואָרן אַלס דעם אָנהויב פון א רעוואָלט קעגן דעם הויפּט אין ווייסן הויז. יעדן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָבן די זעלביקע עלעמענטן ארויסגעלאָזט א געשריי, אַז עס האַלט דערביי, דאָס די האַרמאָניע צווישן קאָנגרעס און דער אַדמיניסטראַציע זאָל צוזאַמענברעכן, אַז זי איז שוין צוזאַמענגעבראָכן, און אַז פון איצט אָן און ווייטער וועלן אַפילו די דעמאָקראַטישע געזעצגעבער מער ניט טאַנצן לויט דעם פּרעזידענטס דודקע, נאָר האַנדלען זעלבסט שטענדיק ווי עס פּאַסט פאַר אויסגעקליבענע פון פאָלק.

מען מוז צוגעבן, אַז סמנים פאַר אַזאַ ברוך צווישן פּרעזידענט און די געגנערישע הייזער זיינען געווען פילע. גאַנץ אָפּט איז קאָנגרעס ארויס פון שפּאַן און געגאַנגען ניט אַהין וואו דער פּרעזידענט האָט געצויגן. אַזוי איז דער קאָנגרעס געגאַנגען להפוך דעם ווילן פון פּרעזידענט און געשטימט געגן דעם „טויט אורטייל" אין דעם יוטיליטי האָלדינג קאָמפּאַני ביל". פון דעם שטייערן פּראָיעקט האָט דער זעלביקער קאָנגרעס עפּעס אַרונטערגעדונגען. אין דער פראַגע פון די נייטראַליטעט רעזאָלוציע האָבן די געזעצגעבער זיך ניט גערעכנט מיט דעם פאַרלאַנג פון פּרעזידענט. אין דער פראַגע פון „הערשנדע" שכירות פאַר רעליף אַרבייטער, האָט דער סענאַט רעגיסטרירט אַן אייגענע שטעלונג, ניט אָננעמענדיק דעם לוין סכום, וואָס רוזוועלט האָט פאָרגעשלאָגן, און נאָך אַזעלכע פאַלן, וועלכע האָבן דייטלאַך געוויזן, א טענדענץ צו האַנדלען זעלבסטשטענדיק און ניט אַרונטערצופאַלן אין גאַנצן אונטער דעם פּרעזידענטס פאַרצערנדן איינפלוס.

די דאָזיקע פאַלן זיינען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן בשום אופן ניט געקענט אויסגעטייטשט ווערן ווי א רעוואָלט געגן ווייסן הויז. העכסטנס זיינען דאָס געווען גאַנץ מילדע אַקטן פון אומאיינשטימיקייטן, וועלכע זיינען אַפילו ביי אַזאַ קאָנגרעס, וואו די איבערוועגנדע מאַיאָריטעט איז פון דער רעגירונגס פּאַרטיי, געווען צו דערוואַרטן. דער פאַקט איז, אַז צום סוף האָט מען זיך פאַרגליכן, און דער פּרעזידענט האָט דאָן געקראָגן כמעט דאָס וואָס ער האָט געוואָלט. זיין „מוז" פּראָגראַם איז אָנגענומען געוואָרן כמעט אין דער פאָרמע אין וועלכער ער האָט דאָס פאָרגעשלאָגן. די קליינע ענדערונגען אין דעם, אָדער יענעם געזעץ פּראָיעקט, וואָס די געזעצגעבער האָבן געמאַכט, זיינען פון ניט וויכטיקע באַדייטונג. אַזוי, אַז עס וועט גאָר ניט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז קאָנגרעס איז געגאַנגען אין רוזוועלטס פוס טריט, אָננעמענדיק זיין פּראָגראַם, אים געגעבן א מעגלאַכקייט דורכצופירן יענע ענדערונגען אין דעם סאָציאַל עקאָנאָמישן סיסטעם, וועלכן ער האָט פאַרלאַנגט. מען קען דעריבער איצט גענויער באַטראַכטן דאָס דאָזיקע פּראָגראַם און זען אויף וויפל עס אַנטשפּרעכט די צילן, וואָס עס האָט זיך געשטעלט דער „נייער דיל", און אויף וויפל די נייע געזעצן וועלן זיין בכח צו דערפילן די גאָלדענע הבטחות, וואָס דער פּרעזידענט האָט אונז אַזוי פייערלאַך געגעבן אין זיינע קאַמפּיין און ראַדיאָ רעדעס. מחמת מיט אָט די אויפטואונגען וועט רוזוועלט קומען צום לאַנד פאַר ווידער דערוויילונג.

אין זיין ערשטן מעסעדזש צום 74־טן קאָנגרעס, וואָס רוזוועלט האָט פּערזענלאַך געבראַכט צו דער פאַראייניקטער זיצונג פון ביידע הייזער, האָט ער אָנגעוואָרפן אין אַלגעמיינע שטריכן זיין פּראָגראַם. ער האָט זיך דאָן הויפּטזעכלאַך אָפּגעשטעלט אויף דעם פּראָגראַם פון אַרבעטסלאָזיקייט, וואָס איז פאַרשטייט זיך דער הויפּט איבעל, צו וועלכן א לייזונג דאַרף געפונען ווערן. ער האָט אָבער אויך באַרירט אַנדערע וויכטיקע פּראָבלעמען. ווי למשל: די נירא, שטייערן, די איבלען פון די האָלדינג קאָמפּאַניס, די באַציאונגען צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל און ענלאַכע פּראָבלעמען, וואָס דאַרפן געלייזט ווערן.

די מערסטע פון די דאָזיקע פּראָבלעמען זיינען שפּעטער אויפגענומען געוואָרן פון קאָנגרעס דורך באַזונדערע געזעץ פּראָיעקטן, וועלכע זיינען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, אָדער דירעקט פון דער אַדמיניסטראַציע אָדער אומדירעקט, אָבער מיט איר איינפלוס און ווירקונג. די אַלע פּראָיעקטן האָבן געדאַרפט געבן אַן ענטפער צו די עקזיסטירנדע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען א רעזולטאַט, און אויך א ביטערער צייכן פון דעם אומדערטרעגלאַכן עקאָנאָמישן קריזיס. דער ענטפער אויף די פּראָבלעמען האָט אויך באַדאַרפט זיין א לייזונג צו דעם קריזיס גופא. לאָמיר זשע זען צו די אָנגענומענע געזעצן טראָגן מיט זיך ווירקלאַך די נויטיקע הילף און צו קענען זיי באמת לייזן די פּראָבלעמען און אָפּשאַפן, אָדער לפחות, אין א היבשער מאָס פאַרגרינגערן דעם שווערן קריזיס.

די הויפּט מכה פון דעם איצטיקן קריזיס איז, ווי געזאָגט, דער איבעל פון אַרבייטסלאָזיקייט. דאָס ווערט אויך אָנערקענט פון פּרעזידענט און דערפאַר האָט ער דער פראַגע געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון זיין מעסעדזש. איז עס דעריבער געווען צו דערוואַרטן, אַז אָט די פראַגע וועט די אַדמיניסטראַציע שענקען איר גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, און פאָרשלאָגן אַזעלכע דראַסטישע מיטלען, וואָס זאָלן זיך קענען פאַרגלייכן מיט דער שאַרפקייט פון דעם פּראָבלעם.

עס מוז צוגעגעבן ווערן, אַז די מיטלען וועלכע די אַדמיניסטראַציע האָט פאָרגעשלאָגן צו לייזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, זיינען ווירקלאַך דראַסטישע. קנאַפּע פינף ביליאָן דאָלאַר זיינען אַסיגנירט געוואָרן צו באַקעמפן דעם איבעל, א סומע געלט, וואָס מיט איניקע יאָר צוריק האָט מען זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז קאָנגרעס וועט דאָס אָננעמען. ווען מען באַטראַכט דאָס מיט דער שטעלונג פון דער הואווער אַדמיניסטראַציע, וועלכע האָט אָפן געזאָגט, דאָס די אַרבעטסלאָזע דאַרפן איבערגעלאָזן ווערן צו זייער אייגענעם שיקזאַל, אָדער צו דעם גענאָד פון פּריוואַטע צדקה אַנשטאַלטן, איז דאָס באמת א ריזיקער שריט פאָראויס. די רוזוועלטישע ליניע צו דער צרה איז זיכער א מער מענטשלעכע און אין אַנקלאַנג מיט דער נייער צייט. דער עיקר וויכטיקייט פון אָט דער שטעלונג ליגט אין דעם פּרינציפּ, וואָס איז דאָ צום ערשטן מאָל פּראָקלאַמירט און אָנערקענט געוואָרן, נעמלאַך, אַז דער שטאַט טראָגט די אחריות פאַר יענע אַרבעטסוויליקע מענטשן, וועלכע קענען ניט קריגן קיין אַרבעט מפרנס צו זיין זיך און זייערע פאַמיליען. די פראַגע איז אָבער: צי וועלן אָבער די פינף ביליאָן דאָלאַר לייזן דאָס פּראָבלעם פון אַרבעטסלאָזיקייט? אויף דער פראַגע מוז יעדער בר דעת ענטפערן מיט א גרויסן ניין.

עס איז אויסגערעכנט געוואָרן, אַז די פינף ביליאָן דאָלאַר זאָלן פאַרווענדט ווערן אַף עפנטלאַכע אַרבעטן, וואָס די פעדעראַלע, שטאַט און לאָקאַלע רעגירונגען דאַרפן אונטערנעמען. אַרונטערוואַרפן אַלטע געביידעס און שטעלן אויף זייער פּלאַץ נייע. אויסרייניקן „סלאַמס" וועלכע פאַרפּעסטן די גרויסע שטעט. מאַכן נייע און פאַרריכטן די אַלטע וועגן, אויפהאַלטן די נאַציאָנאַלע וועלדער און באַוואַלדערן נייע שטרעקעס, בויען פאַרשידענע נייע שטאַטישע איינריכטונגען און פאַרריכטן די אַלטע, ווי למשל, וואַסער קאָנטראָל סטאַנציעס, קאַנאַליזאַציע, וואו עס איז נויטיק, אָפּפאַל סטאַנציעס. אויפשטעלן נייע פעדעראַלע און שטאַטישע עפנטלאַכע געביידעס ווי פּאָסט אָפּיס הייזער, געריכטס הייזער, סיטי האָלס און אַנדערע. אָט די און ענלאַכע אַרבייטן דאַרפן לויט דער אויסרעכנונג פון דער אַדמיניסטראַציע באַשעפטיקן אַרום דריי מיליאָן אַרבעטער.

וועלן מיר דאָ ניט אָפּפרעגן די ציפער — מעגלאַך, אַז אַזאַ צאָל וועט ווירקלאַך ביי די אַלע אַרבעטן באַשעפטיקט ווערן. טאָר מען אָבער ניט פאַרגעסן, אַז די צאָל פון אַרבעטסלאָזע איז מער ווי דריי מאָל די צאָל. עס זיינען נאָך אַלץ ניט פאַראַן קיין גענויע ציפער וועגן דער צאָל פון אומבאַשעפטיגטע. אַלע זיינען אָבער מסכים, אַז די צאָל איז פון 10 ביז 12 מיליאָן אַרבעטסלאָזע, וועלכע קענען לכל הפחות ניט אָבזאָרבירט ווערן אין די פינף ביליאָן דאָלאַר פּראָיעקטן?

אמת, די רעגירונג האָט דערויף אַן ענטפער. זיי וועלן אָבזאָרבירט ווערן פון די פּריוואַטע אינדוסטריען. אויב ניט אַלע, איז אַמווייניקסטנס א היבשע צאָל פון זיי. דער חשבון איז אַזאַ: די באַשעפטיקונג פון דריי מיליאָן אַרבעטער וועט אויף אַזוי פיל פאַרגרעסערן די קויף קראַפט אין לאַנד, אַז עס וועט זיך מוזן אָפּרופן אויף די פּריוואַטע אינדוסטריען, וועלכע וועלן אַריינקריגן נייע באַשטעלונגען. די נאָכפראַגע אויף אַרטיקלען און פּראָדוקטן וועט זיך פאַרגרעסערן, און ווי עס איז דער שטייגער, לויט דער באַרימטער טעאָריע פון אָנבאָט און נאָכפראַגע, וועט דער אָנבאָט זיך אויך מוזן פאַרגרעסערן. און דאָס ווייס דאָך שוין איצט א קינד אַפילו, אַז אום צו באַפרידיקן די נאָכפראַגע אויף פּראָדוקטן, מוז מען אָנשטעלן אַרבעטער, וועלכע זאָלן די דאָזיקע פּראָדוקטן אויסאַרבעטן. אַזוי אַרום וועלן די רעדער פון דער אינדוסטריע זיך אויפסניי אָנהויבן דרייען און דאָס לאַנד וועט געבענטשט ווערן מיט א גאָלדענער שפע.

נו, אין דער אַרגומענטאַציע איז דאָ א סך אמת. איבערהויפּט איז זי, די אַרגומענטאַציע, ריכטיק, בעת זי ווערט אָנגעגעבן אַבסטראַקט. ווען אָבער זי ווערט אָנגעווענדעט אויף דעם פאַל וואָס ווערט דאָ אַרומגערעדט פאַרלירט זי יעדן ווערט. די מעשה איז, וואָס די באַשעפטיקונג פון די דריי מיליאָן אַרבעטער, וועט ניט פאַרגרעסערן די קויף קראַפט, אַלענפאַלס ניט אין דער מאָס, צו האָבן די געהאָפטע ווירקונג אויף די פּריוואַטע אינדוסטריען.

מען דאַרף געדענקען, אַז אויך איצט פאַרנוצן די דריי מיליאָן אַרבעטער געוויסע נויטיקע אַרטיקלען און פּראָדוקטן. דאָס וואָס זיי קריגן די פּראָדוקטן דירעקט פון די רעליף אָפּיסעס, אָדער קויפן זיי פאַר דעם געלט, וואָס זיי באַקומען פון רעליף, ענדערט ניט דעם פאַקט. מען טאָר אויך ניט פאַרגעסן, אַז דער לוין פון די מערסטע רעליף אַרבעטער איז און וועט זיין כמעט דערזעלביקער, וואָס זייער וועכנטלאַכע רעליף שטיצע. 55 דאָלאַר א מאָנאַט פאַר אומקוואַליפיצירטע אַרבעטער און 96 דאָל. א מאָנאַט פאַר קוואַליפיצירטע. די צאָל קוואַליפיצירטע איז זייער א קליינע. ניט דערפאַר, וואָס פון דעם מין זיינען דאָ ווייניק אומבאַשעפטיקטע נאָר דערפאַר, וואָס

די גרעסטע צאל ווערט אין ארבעטס אדמיניסטראציעס אויפסניי קוואליפיצירט אלס ניט קוואליפיצירטע. דאס מיינט, אז אפילו ווען די גאנצע דריי מיליאן וועלן באַשעפטיקט ווערן, וועט זייער לוין־איינקונפט, וועלכער איז כמעט דערזעלביקער, וואס זייער רעליף־איינקונפט, זייער ווייניק פארגרעסערן די אלגעמיינע קויף־קראפט, און מילא ניט האבן קיין שום ווירקונג אויף די פריוואטע אינדוסטריען.

יא, א געוויסע ווירקונג וועט דאס יא האבן אויף די פריוואטע אינדוסטריען. אבער צום ערגערן, ניט צום בעסערן. דערפאר וואס זייער לוין איז א פיל קלענערער איידער אין די פריוואטע אינדוסטריען, וועט דאס אויך ווירקן, אז דער לוין סטאנדארד אין יענע אינדוסטריען זאל אראפזינקען צו דער זעלביקער מדרגה. די דערפארונג האט באוויזן, אז אין לאנד קען ניט זיין קיין צווייערליי לוין שטאנדארדס. אויב אזעלכע ווערן געשאפן, מוז דער קלענערער תמיד ווערן דער הערשנדער.

דאס איז אויך געווען די סיבה, וואס דער סענאט, וואו די אמעריקאן פעדערײשאן אף לייבאר איבט אויס א שטארקע ווירקונג, האט זיך געשטעלט געגן דעם פרעזידענטס הונגער לוין, און געפאדערט „הערשנדע" שכירות פאר די ארבעטער ביי די פארשידענסטע רעליף פראיעקטן. דאס איז אויך די סיבה פון די פארשידענע סטרייקס פון רעליף ארבעטער. סטרייקס וועלכע וועלן זיך מסתמא, וואס ווייטער אלץ מער פארמערן.

ווידער מוז מען געדענקען, אז אפילו אט די באַשעפטיקונג איז ניט קיין שטענדיקע. העכסטנס קען זי אנהאלטן אזוי לאנג ווי די פאנדן וועלן געדויערן. אזוי גיך ווי די פאנדן וועלן אויסגיין — און אפילו אזא ריזיקע סומע ווי פינף ביליאן דאלאר, האט דאך אויך אירע גרעניצן — וועט די ארבעט מוזן אפגעשטעלט ווערן און די מכה וועט זיך אויפסניי פאנאנדערברענען.

דערפון איז אלזא קלאר, אז מיט די אסיגנירטע סומע געלט אויף ארבעטס רעליף ווערט ניט געמאכט קיין שום פארזוך ראדיקאל צו לייזן דאס פראבלעם פון ארבעטסלאזיקייט. א גרויסע צאל ארבעטער וועלן טאקע קריגן באשעפטיקונג, אבער דאס וועט בלויז קענען דינען ווי א קאמפיין מיטל. מען וועט קענען אנווייזן, אז ארבעטער זיינען באשעפטיקט. אבער די מערסטע וועלן ווייטער בלייבן אומבאשעפטיקט און אויך די באשעפטיקטע וועלן בלייבן אן ארבעט, אזוי גיך ווי דער קאמפיין וועט פאריבער.

נעמען מיר דעם צווייטן אקט, וואס די אדמיניסטראציע האט דורכגעפירט, דעם סאציאלן פארזיכערונגס אקט, וועלכן רוזוועלט האלט פאר דעם וויכטיקסטן אויפטו פון זיין אדמיניסטראציע. זעען מיר, אז אויך דא זיינען בשום אופן ניט געלייזט געווארן די נויטן, וואס רופן ארויס אזא געזעץ. אויך דא מוז מען צוגעבן, אויב מען וויל קוקן רעאל אויף דער זאך, אז די רוזוועלט אדמיניסטראציע האט געמאכט א היפשן שריט פארווערטס אין דער ריכטונג פון סאציאלע פארזיכערונג.

אין פארגלייך מיט דער האוועער אדמיניסטראציע, מוז מען אויך אין דעם פאל צוגעבן, אז די איצטיקע אדמיניסטראציע שטייט הימעל הויך.

אמת. סיי די ארבעטסלאזע פארזיכערונג, סיי די עלטער קאמפענסאציע, וועט זיין, לויט דעם געזעץ, אזוי קליין, אז עס איז גאר אוממעגלאך צו ריידן פון פולשטענדיקע פארזיכערונג אין אירגענד פון די פאלן. דאס העכסטע, וואס אן ארבעטסלאזער קען דערווארטן איז צו באקומען א קליינעם טייל פון זיינע שכירות פאר 14 אדער 16 וואכן א יאר. און אלץ וואס דער 65 יעריקער קען קריגן איז ארום 30 דאלאר א מאנאט. יארן שפעטער קען די סומע פארגרעסערט ווערן דורך א באזונדערן אינשורענס סיסטעם וואס איז אויך א טייל פון דעם געזעץ, צו וועלכן ביידע, ער און דער ארבעטסגעבער, וועלן ביישטייערן. דאך קען מען ניט אפלייקענען, אז דא ווערט געמאכט א פיינע התחלה. עס איז אויפגעשטעלט געווארן א בנין, וואס איז דערווייל נאר א בלויזע „פריים", וואס קען אבער מיט דער צייט פארבעסערט און פארשענערט ווערן.

אין זיין רעדע, וואס דער פרעזידענט האט געהאלטן ביים אונטערשרייבן דעם געזעץ, האט ער מודה געווען, אז דאס געזעץ וועט ניט געבן קיין פולשטענדיקע לייזונג צו די אלע סאציאלע נויטן, וועלכע האבן דעם געזעץ ארויסגערופן צום לעבן. ער האט דאן געזאגט: „מיר קענען ניט פארזיכערן הונדערט פראצענט פון דער באַפעלקערונג קעגן הונדערט פראצענט פון די סכנות און ענדערונגען אין לעבן. מיר האבן אבער אויסגעארבעט א געזעץ, לויט וועלכן עס וועט מעגלאך זיין אויף א געוויסן אופן צו פארזיכערן א גרויסן טייל פון דער באַפעלקערונג, קעגן דער געפאר פון ארבעטסלאזיקייט און דער סכנה פון דארפן אנקומען צו צדקה אויף די עלטערע יארן".

אין אט די ווערטער האט דער פרעזידענט אויסגעדריקט דעם הויפט ווערט פון דעם סאציאלן פארזיכערונגס אקט. ניט קיין פולשטענדיקע פארזיכערונג נאר א טיילווייזע, און דאס אויך נאר פאר א טייל פון דער באפעלקערונג — פארמער, הויז דינסטן און אנדערע זיינען פון דעם געזעץ אויסגעלאזן געווארן — באטראכט פון א ליבעראלן שטאנדפונקט, איז אט דער אקט, א געוואלטיק וויכטיקער אויפטו. און דער פרעזידענט מעג אויף דעם שטאלץ זיין. באטראכט אבער פון דעם שטאנדפונקט פון א סאציאליסט. דאס הייסט פון דעם שטאנדפונקט פון פולשטענדיקע סאציאלע גלייכהייט און גערעכטיקייט, איז דאס ניט מער ווי א קליינער אנהויב צו דער לייזונג פון אן אומגעהייער וויכטיקער פראבלעם.

דער סאציאלער פארזיכערונגס אקט און די פינף ביליאן רעליף ארבעט זיינען די צוויי וויכטיקסטע אקטן פון דער איצטיקער אדמיניסטראציע. עס זיינען אויך אנגענומען געווארן אנדערע באדייטנדע געזעצן. ווי דער נייער שטייערן געזעץ, וועלכער זוכט ארויפצולייגן א גרעסערן לאסט אויף די רייכע, און ווי מאנכע טייטשן

עס אויס, אנהויבן א גלייכערע פארטיילונג אין דעם פארמעגן פון לאנד. אויך דא איז דער אנהויב אבער זייער א שוואכער. לויט דעם טאראראם, וואס מען האט געמאכט ארום דעם נייעם שטייערן געזעץ, און די פארמע אין וועלכע ער איז אנגענומען געווארן, — אויסלאזנדיק אפילו דעם 5 פראצענט אמענדמענט פון קאנגרעס — מוז מען אנהויבן צו גלויבן, אז די אדמיניסטראציע האט דא גיכער אין זינען געהאט צו דערלאנגען א קלאפ דעם, „צוטייל דאס פארמעגן פון לאנד" פראגראם פון סענאטאר לאנג, איידער ווירקלאך אויסצוגלייכן דאס עשירות.

דער וואגנער לייבאר דיספיוטס ביל ווידער, וועלכער דארף אויך זיין איינער פון די באדייטנסטע אויפטואונגען פון דער אדמיניסטראציע, איז פון אזא פראבלעמאטישן כאראקטער, אז מען מוז אפווארטן א שטיקל צייט, זעהן ווי אזוי דאס נייע געזעץ ארבעט, איידער מען קען וועגן דעם זאגן א באשטימטע מיינונג. געצילט איז דאס דאזיקע געזעץ אפצושאפן קאמפאני יוניאנס, און פארזיכערן דאס רעכט פון ארבעטער זיך צו ארגאניזירן און פארהאנדלען קאלעקטיוו מיט די בעלי בתים. ווייזן אבער אנדערע אן, אז ניט נאר וועט דאס ניט מעגלאך זיין דורך דעם געזעץ, נאר פארקערט, קאמפאני יוניאנס וועלן נאך א דאנק דעם געזעץ אנערקענט ווערן, און סטרייקס וועלן איינגאנצן פארבאטן ווערן.

נו, דער יוטיליטי האלדינג קאמפאני געזעץ, כאטש זייער א וויכטיקער, איז פונדעסטוועגן ניט פון אזא אלגעמיינעם כאראקטער ווי די אויבן דערמאנטע געזעצן. געוויס זיינען די האלדינג קאמפאנים אן איבעל, א מכה, וואס טוט אן גרויסן שאדן, סיי דירעקט צו א גרויסע צאל שערהאלדערס, סיי אומדירעקט, די גאנצע באפעלקערונג. אבער אין פארגלייך, זאגן מיר, מיט ארבעטסלאזיקייט, איז דער איבעל א פיל קלענערער.

סיי ווי סיי, דאס זיינען די וויכטיקסטע אויפטואונגען פון דער אדמיניסטראציע, און מיט אט דעם צעטל וועט רוזוועלט קומען צום פאלק פאר ווידערדערוויילונג. פון זיי בלייבט די הויפט צרה, ארבעטסלאזיקייט, ניט קיין געלייזטע. נאך מער, דער פרעזידענט האט אפילו ניט פארמולירט קיין פאסיקן פלאן ווי אזוי די פראגע צו לייזן. דאס איינציקע, אין דעם מאמענט, וויכטיקסטע מיטל, ווי אזוי צו לייזן דאס פראבלעם. 30 שעה ארבעט, האט דער פרעזידענט פארווארפן. אין קאנגרעס געפינט זיך אזא ביל. דער פרעזידענט האט אים ניט אריינגענומען אין זיין „מוז" פראגראם.

סענאטאר בלעק, דער אויטאר פון דעם ביל, האט אים נאך פארגעשלאגן איידער דער געדאנק וועגן דער נירא איז געבראכט געווארן פאר די געזעצגעבער. דער פאקט איז, אז די נירא האט געדארפט פארבייטן יענעם ביל. נו, איצט ווייסן מיר שוין, אז אפילו ווען די נירא האט עקזיסטירט איז דאס פראבלעם פון ארבעטסלאזיקייט ניט פארמילדערט געווארן. זיכער איז עס ניט וויניקער שארף איצט, ווען די נירא איז טויט. דאך האט רוזוועלט ניט גענומען דעם געזעץ פראיעקט פון 30 שעה ארבעט אונטער זיין שוץ. דאס מיינט, ער איז פשוט געגן אזא געזעץ.

די אנדערע סאציאלע פארבעסערונגען ווי ארבעטסלאזע פארזיכערונג, עלטער פענסיע, א. א. וו., וועלכע דארפן געמאכט ווערן, לויט דעם סאציאלן פארזיכערונגס אקט, זיינען אויף להבא. אין איצטיקן מאמענט, און פאר די קומענדיקע עטלאכע יאר בלייבט עס דערווייל ביים אלטן.

דער סך הכל איז, אז אויף דעם הויפט פראבלעם, אן וועמעס לייזונג דער עקאנאמישער קריזיס קען בשום אופן ניט אפגעשאפט ווערן, דאס פראבלעם פון ארבעטסלאזיקייט, גיט דער פרעזידענט קיין שום ענטפער ניט. אויף די אנדערע סאציאלע נויטן, וועלכע אין פארגלייך מיט דעם הויפט פראבלעם, פון וועלכן זיי וואקסן אייגנטלאך ארויס, ארבעטסלאזע פארזיכערונג און עלטער קאמפענסאציע, גיט דער פרעזידענט א פארשפרעכן, — א נייעם פארשפרעכן — אויף א טיילווייזע לייזונג אין דער צוקונפט. און אט מיט דעם סך הכל וועט דער פרעזידענט קומען צו די וויילער.

יא, עס איז גאנץ מעגלאך, אז אין די קומענדיקע וואלן זאלן דער פרעזידענט אויך אויפהויבן די פראגע, וועגן אן אמענדמענט צו דער קאנסטיטוציע, פרובירנדיק פארענטפערן דעם דורכפאל פון „נייעם דיל" מיט דער דער ענטשיידונג פון סופרים קאורט. אנצוהערענישן וועגן דעם האט ער עטלאכע מאל געגעבן. וועגן דעם איז איצט אבער, דוכט מיר, צו פרי צו ריידן.

מינא ראבינאוויטש בארדא

נאכט

נאכט ווישט די אויגן אויס,
צעשפרייט זיך טאג אויף ערדישן שוים.
בערגלאך איינגעהויקערטע פיל
דרעמלען לעם א טייכל שטיל.

פונדערווייט פרימארגן זיך שפרייט,
זינגען פייגעלאך פארדרעמלטערהייט.
ליכטיקער בליי אין טייכל זיך גיסט,
דורך נאכטס אפענע אויגן טאג־ליכט פליסט.

משה פריד

דערציילונג

ווער האט געוויינט?

שפעט בא נאכט האט זיך דעם רייכן עלמאנען אויסגעוויזן, אז ער הערט ווי עמיצער וויינט צו אים אין שלאף אריין. ס'איז געווען א מין הארצרייסנדיקער געוויין ווי פון אן אומגליקלאכן מענטשן, און ער האט זיך מיט גרויס שרעק א ריס געטאן פון טיפן שלאף. אן איבערגעשראקענער און צורודערט פון דעם איבערגעריסענעם שלאף. ציטערנדיק מיט זיין שווערן, האלבנאקעטן קערפער, איז ער פון בעט ארויס און ליכטיק געמאכט אינם פינצטערן שלאף צימער.

אבער ווי ס'איז נאר ליכטיק געווארן אינם צימער אזוי איז גלייך צוריק שטיל געווארן. שטיל — ווי די נאכט פיצטערניש אין דרויסן. קיין פיפס, קיין שארך, ס'איז גאר נישט געווען צו הערן פון וואס זיך צו שרעקן. דאך איז אים שווער געווען זיך צוריק צו בארואיקן. ווארום, דער אפקלאנג פון דעם יאמערנדיק געוויין, ווי פון עפעס אן אומגליקלאכן מענטשן, האט אים נאך אפגעקלונגען אין די אויערן. האט ער געהאלטן אין איין ארומקוקן זיך איבער דעם שטילן שלאפצימער אין אלע ווינקלען, וואו די נאכט פינצטערניש האט געשאטנט ווי א בלייערנער געוועב. און ווידער האט ער נישט אזעלכעס פון וואס זיך צו שרעקן. ער האט בלויז געזען דאס איינענע, די קלארע געשטאלט, זיך אליין, וואס האט, אנטקעגן דעם ליכט, געשאטנט אף א וואנט פון דעם צימער, און געזען אויך דאס דינע, מאגערע אויסזען פון דער יונגער ווייבל, מיט וועלכער ער איז ערשט עטלאכע חדשים נאך דער חתונה. זי איז געלעגן אין זעלבן בעט פון וועלכן ער איז אן איבערגעשראקענער נאר וואס ארויסגעשפרונגען.

ער האט איר געזען דרימלענדיק אונטער א שווערן אטעם מיט וועלכן זי האט אפטמאל א טיפן זיפץ געטאן אין דער שטילער נאכט אריין — א־ה! א־ה! און דאס בלייך־גרינע, גאליק אויסזען פון דעם דינעם, נאך מיידלשן פנימל, מיט'ן שמערצלאכן אנבליק פון א מין גריזשען און ערגערן זיך, האט אים ווידער דערמאנט אן דעם אומצופרידענעם לעבן, וואס זי לעבט מיט אים, און אז זי האט אים נאך אלץ נישט ליב. און ווי נאר דער רייכער עלמאן האט איצטער אונטער דער ווירקונג פון דעם איבערגעריסענעם שלאף דעם ערשטן בליק געטאן אף איר, איז ער דעריבער זיכער געווארן, אז דאס האט די יונגע ווייבל צו אים געוויינט אין שלאף אריין. ער האט דערפאר, מיט א ציטערנדיק קול בא איר א פרעג געטאן, ווישנדיק זיך הייסע אנגסטן פונם דיקלאכן פנים:

סאלטשע, טייערע — האט ער איר גענומען וועקן — ביזטו דאס געוועזן, וואס האט געוויינט אין מיין שלאף אריין?

— ניין — האט די יונגע ווייבל אים געענטפערט און נישט געעפנט די אויגן, כאטש זי איז מער נישט געשלאפן.

— איך האב דיך אבער געהערט וויינען. איך בין זיכער אין דעם!

מיט וואס ער איז אזוי זיכער געווען, אז די יונגע ווייבל האט צו אים געוויינט אין שלאף אריין, איז דעם רייכן עלמאנען נישט קלאר געווען. ער איז אבער זיכער געווארן אין דעם, פון דער ערשטער מינוט אן, ווען ער האט אף איר א בליק געטאן און באמערקט דאס גרין־גאליקע אויסזען פון דעם נאך מיידלשן דינעם פנימל, מיט די צוויי נאקעטע בערגלאך אונטער די אויגן; און אויך האט ער זיך דערמאנט אן אירע טיפע זיפצן, וואס ער הערט יעדעס מאל, ווען ער האט בדעה צו ווערן נאענט מיט איר.. דאס איז געווען גענוג, אז דעם רייכן עלמאנען זאל זיך אויסווייזן, אז אויב עמיצער האט צו אים געוויינט אין שלאף אריין, איז דאס זיכער געווען זי, דאס יונגע ווייבל. ער האט דעריבער נאך אמאל בא איר א פרעג געטאן:

— אך, סאלטשע, זאג מיר, פאר וואס האסטו געוויינט?

— איך האב נישט געוויינט — האט סאלטשע אים ווידער געענטפערט מיט אן אומעטיק קול, וואס איז עפעס יא און נישט ענלאך געווען צו דעם אומהיימלאכן טאן, פון דעם געוויין, וואס איז אים געבליבן ליגן אפן הארצן.

— ביזט זיכער, אז דו האסט נישט געוויינט?

— איך בין זיכער!

אבער אט, ערשט א רגע, ווי כ'האב דאכט זיך געהערט דיך וויינען!

— ס'האט זיך דיר אויסגעוויזן!

און כדי ער זאל איר מער נישט פייניקן, ער זאל איר צורו לאזן, האט זי אים א פרעג געטאן:

— און אפשר האסטו עמיצן אנדערש געהערט וויינען?

— עמיצן אנדערש?

און דער רייכער עלמאן האט פון אירע רייד דערפילט א קלאפ אין הארצן. דאס גאנצע בלוט האט זיך א שפאר געטאן אין קאפ אריין און דאס פנים איז אים רויט געווארן אין דער פינצטערער נאכט. ער האט א טראכט געטאן:

— און אפשר האט טאקע עמיצער אנדערש געוויינט?

און ער האט זיך גלייך אן עפעס דערמאנט...

איידער די ערשטע ווייב עלמאנס, איז אים געשטארבן, אין דער צייט ווען ער איז געקומען איר באזוכן אין שפיטאל, האט זי מיט אים נישט געוואלט ריידן, נישט געוואלט זיין פנים אנקוקן. זי האט אים, פאר

עפעס געוויסע זינד... נישט געקאנט מער מוחל זיין דעם פארברעכן. מענטשן האבן א סך גערעדט וועגן דעם; און פארבליבן איז שוין בא אלעמען, אז צוליב אט די געוויסע זינד, איז זי פריצייטיק פון דער וועלט אוועק. די ערגערנישן פון דעם זאלן האבן אזוי לאנג געגריזשעט איר דאס הארץ, ביז וואנען זי האט די ליידן מער נישט געקאנט אויסהאלטן. זי איז קראנק געווארן, האט מער צו זיך נישט געקאנט קומען און איז אפגעשטארבן. און דערמאנענדיק זיך איצטער אין דעם, האט זיך אים גאר אויסגעוויזן, אז נישט די יונגע ווייבל האט צו אים געוויינט אין שלאף אריין, נאר יענע, די פארשטארבענע פרוי.

אבער פרעגן בא דער פארשטארבענער ווייב, צי ס'איז געווען זי, וואס האט געוויינט, האט ער נישט געקאנט... ער האט אבער דאך געוואלט וויסן. דאס גאנצע וועזן זיינס האט זיך געריסן צו וועלן דערגיין דעם סוד. און טראכטנדיק וועגן דעם האט ער, אין אט דער שטימונג א בליק געטאן צום פענצטער און באמערקט די הינטער שטאטישע הויכע בערג געגנטן, וואס האבן זיך דורך די פענצטער געזען, אינם פינצטערן געוועב פון דער נאכט. ס'האבן זיך געצויגן דארטן א קייט בערג שפיצן, הויכע, פינצטערע, וואס האבן געשאטנט ווי פינצטערע געשטאלטן פון טויטע גייסטער, וואס פון געשטארבענע מענטשן, וואס זיינען באנאכט פון די קברים ארויס, ער האט א ציטער געטאן און מיט גרויס שרעק אפגעריסן די בליקן פון דעם פענצטער. ווארום, ס'האט זיך אים אויסגעוויזן, אז אף די בערג דארטן צווישן די טויטע גייסטער פון פארשטארבענע מענטשן, וואס זיינען באנאכט פון די קברים ארויס, שוועבט אויך ארום דאס טויט־בלייכע געשטאלט פון דער פארשטארבענער ווייב. זי שוועבט דארטן ארום אף די פינצטערע פליגלען פון דער נאכט און זוכט און מורמלט עפעס אין דער נאכטיקער שטילקייט. ער האט דערפון א מאדנעם שוידער דערפילט און נישט אויפגעהערט ציטערן מיטן שווערן, דיקלאכן קערפער. ער האט דערפילט, ווי עפעס א שארפער גרויל געפיל האט אים א כאפ געטאן פארן האלדז, ווי צום ווערגן. ער איז כמעט ווי אפגעשפרונגען פונם ארט און איז זיכער געווארן, אף אן אמת'ן, אז דאס האט זי, די געשטארבענע ווייב, צו אים געוויינט אין שלאף אריין.

— עמא! — האבן זיך אים די רייד ארויסגעכאפט פונם מויל, נישט פילנדיק אליין, אז ער רעדט צו איר — האסטו צו מיר געוויינט אין שלאף אריין?

— ניין. — האט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער הערט ווי די פארשטארבענע ווייב לייקנט דאס און זי מורמלט דאס אין דער נאכטיקער שטילקייט אריין מיט אן אומעטיקן טאן ווי פון דעם געוויין, וואס איז אים געבליבן ליגן אפן הארצן.

— איך האב דיך אבער געהערט וויינען!...

און ער האט דערביי באמערקט ווי אף די הינטערשטאטישע פינצטערע בערג שפיצן האבן א שוועב געטאן א מחנה שאטנס פון טויט־בלייכע גייסטער; און פון צווישן די שוועבנדיקע גייסטער האט זיך געהערט צו קלינגען אין דער פינצטערער נאכט אריין א מאדנער גאליק געלעכטערל: כ־י..., כ־י..., כ־י... און איידער די טויט־בלייכע געשטאלטן האבן זיך צוריק א פארמעק געטאן, ווי זיי וואלטן צוריק אין די קברים אריין, האט ער נאך אוספייעט אויפצוכאפן די לעצטע ווערטער־קלאנגען פון דעם מורמלענדיק גאליק געלעכטערל. ס'האט זיך אים אויסגעוויזן, אז ער הערט:

— און אפשר האט עמיצער אנדערש געוויינט?

— עמיצער אנדערש?

דער רייכער עלמאן איז נאך צורודערטער געווארן. ער האט ווידער דערפילט דעם פריערדיקן קלאפ אינם הארצן, הייסע שטראמען בלוט זעצן אינם קאפ, און דאס פנים האט אים געפלאמט ווי א שטיק פייער. ס'איז כמעט ווי ליכטיק געווארן ארום אים פון דער צעצונדענער רויטקייט אפן פנים און ער האט מער נישט געפילט די פינצטערניש ארום זיך. ס'האט עפעס אנגעהויבן צו ווערן ליכטיקער און ליכטיקער ארום אים... אבער מיט אמאל איז די הייסע ליכטיקייט ארום אים צוריק פארשוואונדן, ווען ער האט ווידער א טראכט געטאן:

— און אפשר האט טאקע עמיצער אנדערש געוויינט?

און ער האט זיך גלייך אין נאך עפעס דערמאנט...

אין איין הויז, פון די גרויסע צאל הייזער, וואס ער פארמאגט, האט ער לעצטע וואך געהייסן ארויסשטעלן א געוויסע ארעמע פאמיליע פון דער וואוינונג, פאר נישט צאלן דירה געלט. און דירה געלט מוז מען צאלן! און בשעת דאס הויז ווירטשאפט פון דער ארעמער פאמיליע איז שוין געהאט געשטאנען אין דער גאס, האט די ארעמע פרוי, ארום וועלכע ס'האבן געקלעפט עטלאכע, האלב אפגעריסענע קינדער, זיך שטארק צעוויינט. אזוי האט מען דאס אים הערנאך דערציילט. די זאך האט אים אבער דעמאלט נישט שטארק געארט. ער האט אפילו באלד פארגעסן, אן דער מעשה. פאראן גענוג אנדערע „ביזנעס'', עסקים און זארגן נישט צו באדארפן געדענקען אזא קלייניקייט! ערשט איצטער, אין דער צורודערונג פון דעם איבערגעריסענעם שלאף, האט ער זיך אן דעם דערמאנט... און ער האט זיך דערביי שוין אויך דערמאנט, אז ער האט אמאל אט די ארעמע פרוי אויך אליין געזען — מיט די איינענע אויגן. געזען עפעס א שוואך, קליינטשיק פרויען געשטאלטל אף צוויי פיס. און דערמאנענדיק זיך איצטער אן דער דאזיקער פאסירונג האט ער נאך שארפער דערפילט דעם פריערדיק גרויליקן ווייטיק באם האלדז, ווי צום ווערגן, און ס'האט זיך אים דאס מאל אויסגעוויזן, אז נישט דאס יונגע ווייבל, אויך נישט די געשטארבענע ווייב, האבן צו אים געוויינט אין שלאף אריין, נאר ס'איז געווען אט די ארעמע פרוי, וואס ער האט געהייסן פון דער וואוינונג ארויסשטעלן. דאס האט אים אזוי צעטומלט, אז ער

האט כמעט פארגעסן, אז די פרוי איז דא נישט פאראן נעבן אים, און ער האט בא איר א פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר — האָט ער א פרעג געטאָן — האט איר דאס געוויינט אין מיין שלאָף אריין?

נאָר די ארעמע פרוי איז איצטער נעבן אים נישט געווען. און ווייל זי איז נישט געווען, האט ער געזוכט מיט אייגענע געדאנקען צו דערגיין וואָס א שטייגער אירע ענטפערס וואלטן געווען. און ס'האט זיך אים טאַקע אויסגעוויזן, אז ער פרעגט און זי ענטפערט:

— זאָגט דעם אמת, דאס האט איר געוויינט?

— ניין! — האט ער מיט די אייגענע געדאנקען זיך געענטפערט, אינם נאָמען פון דער אָרעמער פרוי און זיך געוואָלט צוריק בארואיקן.

ער האָט זיך אבער אלץ נישט געקאָנט בארואיקן און ער האט ווידער א זאָג געטאָן:

— אבער אט, ערשט א רגע, אז כ'האב, דאכט זיך אייך געהערט וויינען!

ער האט זיך אָבער דאך געוואָלט צוריק בארואיקן און זיך דערפאר געוואונטשן, אז זי זאל נישט האבן געוויינט... ער האָט געהאלטן אין איין לייקענען, טאַקע אינם נאָמען פון דער אָרעמער פרוי... און ס'האט באלד אויסגעזען ווי ער האלט באַם געהאלפן ווערן. אבער דא האָט ער זיך אָבער דערמאָנט, אז ער האָט דאך יא געהערט עמיצן וויינען און ער וויל דאך דורכאויס וויסן: ווער? ווער האט דאס געקאָנט זיין?!! — האט ער דעריבער אליין צו זיך א פרעג געטאָן:

— און אפשר האט עמיצער אנדערש געוויינט?

— עמיצער אנדערש?

און ווי נאָר דער רייכער עלמאַן האט וועגן דעם א טראכט געטאָן, האט ער דערפילט ווי די גאַנצע צורודערונג פון דעם איבערגעריסענעם שלאָף, האט זיך אלאָן געטאָן צום קאָפּ און צעמישט אין מח אזא מאָדנע אומקלאָרקייט, אז ער ווייסט מער נישט וואס ארום אים טוט זיך. אט האט ער געפילט, ווי ארום אים איז שרעקלאך פינצטער, ווי אין א קבר, און באַלד ווערט צוריק ליכטיק און ווידער פינצטער. און באם האלדז קלעמט אלץ שטאַרקער דער פריערדיקער גרויל געפיל, ווי צום ווערגן. און ער קאָן זיך פון גאָר נישט באפרייען. ערשט שפּעטער, נאָך א שווער ראַנגלען זיך מיט דער צערודערונג, איז אים קלאָר געוואָרן די אורזאך פון אט דער צעטומלעניש, ס'איז געווען דערפאַר, ווייל נישט ווילנדיק האט ער זיך ווידער א פרעג געטאָן:

— און אפשר האט טאַקע עמיצער אנדערש געוויינט?

און דאן האט ער זיך שוין אין גאָך עפּעס דערמאָנט: מיט א פּאָר וואכן צוריק, האט ער געהייסן, אז מען זאָל איינעם א מיסטער קלוגער, א קליינעם זיידן באלעבאס, פון וועמען עס קומט אים א היבשע סומע געלט, חוץ פּראָצענט אף דעם קרן — אז מען זאָל אף זיין וועב פאבריקל ארויפהיינגען א שלאס — א חוב מוז מען באצאָלן!

און זאָל ער היינגען. דער שלאָס, ביז וואנען ער וועט זיך שאַפן געלט און באצאָלן דעם חוב. קאָן זיך אבער דער דאזיקער מענטש נישט שאַפן קיין געלט, און אין דערזעלבער צייט, ווילט זיך אים אלץ בלייבן בא זיין וועב פאבריקל. קאָן דען אזא זאך געמאלט זיין? וואס עפּעס שיינקען יענעמען — געלט?! איז טאַקע אט דאס וועב פאבריקל זיינס פארקויפט געוואָרן צו אן אנדער באלעבאָס, קעגן יענעמס ווילן פארקויפט געוואָרן. און ער, דער רייכער עלמאַן, האט שוין געזען דערצו, אז ער זאָל קריגן באצאָלט דעם חוב זיינעם, נאָך מיט פּראָצענט... אבער מיסטער קלוגער וויל זיך נאָך אלץ נישט שיידן מיט זיין אַמאָליק וועב פאבריקל. קאָן מען דעריבער יעדן פרימאָרגן זען דעם דאזיקן מענטש זיך צושלייכן צו דעם הויכן, רויטן מויער, וואו זיין שאַפּקע האט זיך געפונען, א לאַנגע צייט שטייט ער אזוי, כמעט יעדן פרימאָרגן, נעבן דעם רויטן מויער, אן איינגעהויקערטער, א צעבראָכענער מענטש און קוקט מיט שטומע, לאַנג אויסגעצויגענע בליקן, וואס דערמאָנען אן א מענטש א נישט קלאָרן, צו דער מיטעלסטער טייל פון דעם מויער, וואו זיין ביסל איינגנטום געפינט זיך נאָך אלץ, דערנאָך לאָזט ער אראָפּ דעם קאָפּ, און עס דאכט זיך, אז ער וויינט, כאָטש די אויגן-בליקן זיינען טרוקן און קאַלט. און אזוי שלייכט ער זיך צוריק אַוועק, אונטערהינקענדיק אביסל אין גאַנג. אזוי האָט מען דאס אים אנומעלטן דערציילט — אבער דער רייכער עלמאַן האט אין דעם גלייך פארגעסן. פאראן גענוג אנדערע ביזנעס דאגות נישט צו באַדאַרפן געדיינקען אזא קלייניקייט. איצטער אבער, אין דער צורודערונג פון דעם איבערגעריסענעם שלאָף, האָט ער זיך ערשט אן דעם דערמאָנט, און ער האט זיך גלייך געכאַפּט, אז אפשער איז דאס גאָר געווען אט דער דאזיקער מענטש, וואס האט צו אים געוויינט אין שלאָף אריין?

יענער איז אָבער נישט געווען איצטער נעבן אים צו קאָנען געבן אן ענטפער.

האט ער דעריבער יענעמס ענטפער געזוכט מיט די אייגענע געדאנקען צו דערקלערן. און ווי אין די פריערדיקע פאלן געפרעגט און זיך געענטפערט:

— כ'האב אייך געהערט וויינען אין מיין שלאָף אריין! — האט ער צו יענעם א זאָג געטאָן.

און כדי צו קאָנען זיך צוריק בארואיקן, האט ער אויך איצטער געוואָלט אין יענעמס נאָמען ענטפערן:

— ניין! — האט ער געוואָלט ענטפערן און לייקענען, אז ער האט אים געהערט וויינען.

ס'איז אבער שווער געווען צו לייקענען. ווארום ער איז כמעט שוין ווי זיכער געווען, אז ער האט אים יא געהערט וויינען. און ווייל ער האט דאס נישט געקאָנט אָפּלייקענען, איז אים שווער געווען זיך צו בארואיקן, און זיך נישט געקאָנט בארואיקן דערפאר ווייל ער האט דאס ניט געקאָנט לייקענען. ער האט דעריבער נישט געזען קיין אויסוועג ווי אזוי צו קאָנען זיך באַרואיקן אין אט דער פינצטערער נאכט. ס'האט זיך אים

אויסגעוויזן, אז אייביק וועלן שוין די נעכט זיין אזוי שרעקנדיק פינצטער... אז קיינמאָל מער וועט ער נישט קאָנען רואיק שלאָפן, און, אז תמיד וועט אט די צורודערונג אים פארפאָלגן. אבער וועגן דעם וואס עס וועט זיין שפּעטער, האט ער איצטער נישט געוואָלט זאָרגן. ער האט דערוויל געוואָלט זיך איצטער בארואיקן, און זיך באפרייען פון דעם שרעקלאכן גרויל געפיל, וואס קלעמט אים באם האלדז, ווי צום ווערגן. ער האט אבער פון גאָר נישט געקאָנט פּטור ווערן. ווארום קוים האט ער געלייקנט, אז דער מענטש האט געוויינט, האט זיך אים גלייך אויסגעוויזן, אז עמיצער אנדערש האט געוויינט.

— אפשר האט עמיצער אנהערש געוויינט?

— עמיצער אנדערש?

און אזוי האט זיך דאס אים אויך איצטער אויסגעוויזן, און ער האט א טראכט געטאָן:

— און, אפשר האט טאַקע עמיצער אנדערש געוויינט?

און ווי נאָר ער האט דאס א פרעג געטאָן, האט ער זיך דאס מאָל נאָר דערמאָנט אין עפּעס פון זיך אליין.

שוין א לאַנגע צייט, אז ער פילט ווי דאס הארץ ווערט אים אלץ שווערער און שווערער פון א נאַגאַדיק דריקעניש. ער ווייסט נישט וואס דאס איז, נאָר עס שרעקט אים דערפון מוראדיק שטאַרק. און וואס שווערער דאס הארץ ווערט, אלץ מער דריקט אים עפּעס אפן געמיט, אף דער נשמה. און די שווערקייט אפן הארצן, אפן געמיט שפּאַרט זיך אלץ ווייטער און מאַטערט אים דאס געוויסן, און נאָר ער פילט ווי עפּעס נאָגט, און עפּעס מאָנט בא אים... און יעדן טאָג מער, און יעדעס יאָר — ערגער. ער האט מער קיין כחות אויסצוהאלטן דאס דריקעניש אפן הארצן, די נאָגעניש אפן געוויסן, וואס גיט קיין רו, נישט אין די טעג, נישט אין די נעכט. ער ווייסט נישט וואס דאס איז, נאָר עס שרעקט אים דערפון מוראדיק שטאַרק. און איצטער, אין דער צורודערונג פון דעם איבערגעריסענעם שלאָף האט ער זיך ווידער אן דעם דערמאָנט און ס'האט זיך אים אויסגעוויזן, אז ס'איז גאָר געווען ער אליין וואס האט געוויינט אין זיין שלאָף אריין.

— איך? — האט ער א דערשראָקענער פון דעם געדאנק זיך א פרעג געטאָן.

— יא, דו!

— ניין! — האט ער צוריק אָפּגעענטפערט און אויך דאס מאָל געלייקנט. ער האט געפילט, אז אויב ס'זאָל ווירקלאך זיין ער וואס האט געוויינט, איז שוין זייער טרויעריק מיט אים. דאס קאָן זיין דער אנהויב און דער סוף פון א סך ליידן. ער וועט נישט אויסהאלטן דעם געדאנק אליין. ס'וועט דאך אויסקומען, אז ער גיט צו, אז ער איז אין עפּעס שולדיק, דערפאר — דאס וויינען. האט ער דעריבער מיט אלע כחות געוואָלט זיך איינרעדן, אז אויב עמיצער האט יא צו אים געוויינט אין שלאָף אריין, איז דאס אבער נישט געווען ער אליין, דער רייכער עלמאַן. ס'איז געווען עמיצער אנדערש.

אבער ווער?

מ. טקאַטש

לידער

אין גאָרטן

די שטערן פינקלען דורך געטרייסטע וואָלקנס,
ווי לעצטע טרערן פון געשטילט געוויין.
איך האב אין שטאָט אן עלנטער געבלאָנקעט
און דא אין גאָרטן בין איך ניט אליין.

א בוים מיט בוימער וואקס איך דאָ צוזאַמען,
מיט גאָט אינאיינעם גיי איך אויף שפּאַציר.
ווי ס'קומט א קינד זיך טרייסטן צו זיין מאַמען,
געקומען איז, נאַטור, דיין זון צו דיר.

מיט הענט געהויבענע די ביימער בענטשן
אי גאָט, אי מיך, אי פּראָש, אי פייערפליג.
דאס טייכל רעדט, נאָר מוסרט ניט, ווי מענטשן,
דאס טייכל זינגט, ווי צו א קינד אין וויג.

און דאָרטן קעגן שטערן, קעגן וואָלקנס,
ווי העלמס, טורעמס בלאַנקען קאַלט מיט שפּאַט.
איך האב אין שטאָט אן עלנטער געבלאָנקעט
און דא אין גאָרטן גיי איך אום מיט גאָט.

דער געטרייסטער וואַלד

דער וואַלד האט זיך געטרייסט פון רעגן
און איינגעשלאָפן זיס.
דאס טייכל מורמלט אין די ברעגן —
א קאַץ בא זיינע פיס.

דער ווינט, זיין וויגער רוט א מידער,
ווי בא דער וויג אן אַם,
און ס'לעקט די זון אים אויס די גלידער
מילד, ווי א שעפּס איר לאַם.

אליהו שולמאן

דארפן זיך אידישע שרייבער שטופן אין פרעמדע ליטעראטורן?

אין פוילן זיינען פאראן עטלאכע אידישע שרייבער און דיכטער, וואס שרייבן אין פויליש. אויף פויליש שרייבן ניט נאר געשמדטע אידן נאר אויך א צאל דיכטער און שריפטשטעלער וואס זיינען נאך פארמעל פארבונדן מיטן אידישן פאלק. אט די פויליש אידישע דיכטער באציען זיך מיט האס און עקל צו די אידן. זיי זיינען באגייסטערט פאר פוילן, פאר דער פוילישער קולטור און פאר דער „פוילישער נשמה". אבער די פוילישע קריטיקער טרייבן אט די אידן פון דער פוילישער ליטעראטור.

דער פוילישער שריפטשטעלער זשולאווסקי איז א מאל ארויסגעטראטן געגן א פויליש־אידישן קריטיקער מיט דעם אויסרוף אז: „מיטן היטל אויפן קאפ און מיט פארבלאטיקטע קאלאשן טאר מען נישט אריינגיין אין טעמפל פון קונסט". דער פויליש־אידישער דיכטער יוליאן טובים, איז שוין מער ווי איין מאל ארוים מיט שענדלאכע אנפאלן אויף די אידן און אויף דער אידישער שפראך. ער וויל זיין נאך פוילישער ווי די עכטע פאליאקן, און דאך שרייבן וועגן אים אלע פוילישע קריטיקער, אז ער איז ניט קיין עכטער פוילישער דיכטער. דער קריטיקער ראסטוואראווסקי שרייבט: „... אין זיין גאנצער שאפונג זע איך די עוואלוציע און א נאכמאכונג פון דער אלט אידישער פאעזיע ... זאל מיר אבער קיינער ניט איינרעדן, אז טובים איז א פוילישער פאעט, וויל ער איז בלויז א אידישער פאעט, וואס שרייבט זיינע דיכטונגען אין פויליש" *) טובים איז דער באגאבטסטער פון די פויליש־אידישע דיכטער — זיינען די ארויסטרעטונגען געגען אים שארף. אויף די אנדערע — אויף די וויניקער באגאבטע אידן, וואס שרייבן אין פויליש, קוקט מען זיך אפילו ניט אום. אט אזוי נעמט מען אויף די אידן, וואס ווילן איינטיילנעמען אין דער פוילישער ליטעראטור.

די אידן האבן געהאלפן בויען די דייטשע ליטעראטור. הענריך היינע, לודוויג בערנע, קארל מארקס און צענדליקער אנדערע, זיינען געווען צווישן די הויפט בויער פון דער דייטשער ליטעראטור. די הויפט דייטשע שריפטשטעלער פון דער מאדערנער צייט זיינען אידן. אין אמעריקע איז די דייטשע ליטעראטור באקאנט נאר דורך די שאפונגען פון אידן. ווען מען רעדט אין אמעריקע וועגן דער מאדערנער דייטשער ליטעראטור, ווערן גלייך דערמאנט פויכטוואנגער, ארנאלד צווייג, סטעפאן צווייג, פראנץ ווערפל, יאקאב וואסערמאן, ארטור שניצלער, לאסקער שילער, אלפרעד דובלין און אזוי ווייטער. ווי אזוי די שרייבער און זייערע ווערק ווערן באהאנדלט אין דייטשלאנד איז אלעמען באקאנט. אט אזוי דאנקען אפ די דייטשן פאר בארייכערן זייער שפראך און קולטור.

אין דער אמעריקאנער ליטעראטור, נעמען אנטייל א סך אידן — אבער זיי פארנעמען ניט אזוינע וויכטיקע פלעצער ווי די אידן האבן פארנומען אין דער דייטשער ליטעראטור.

בא אונז הערשט אן אנדער גייסט ווי אין דייטשלאנד — דעריבער ווערן די אידישע שרייבער ניט באהאנדלט אזוי ווי זיי ווערן באהאנדלט אין פוילן און אין דייטשלאנד. אבער אנטי אידישע שטימונגען הערן זיך שוין. מיט עטלאכע יאר צוריק איז די פארשטארבענע שריפטשטעלערין, מערי אסטין, ארויסגעטראטן געגן אירע אידישע קריטיקער. ניט לאנג צוריק איז לודוויג לואיסאן אטאקירט געווארן פאר אריינברייגגען דעם „אידישן גייסט" אין דער אמעריקאנער ליטעראטור. מיט דער פארשטארקונג פון די רעאקציאנערע שטימונגען אין לאנד — וועלן אט די ארויסטרעטונגען געוויס פארמערט ווערן.

אבער דארפן זיך די אידן וואס שרייבן אין פרעמדע שפראכן דערשרעקן פאר די אטאקעס און אויפהערן שרייבן? אדער זאלן זיי אנגיין מיט זייער ארבעט און ווארטן און האפן אויף בעסערע צייטן, ווען שרייבער וועלן אפגעשאצט ווערן לויט זייער ווערט — און ניט לויט זייער א פ ש ט א מ ו נ ג.

אלס א אידישיסט וואלט איך וועלן, אז אלע שאפנדע כחות, וואס דאס אידישע פאלק פארמאגט, זאלן שאפן אין אידיש און דערמיט בארייכערן אונזער קולטור און אונזער לעבן. אבער דאס וועלן מיר ארומרעדן שפעטער. דא וועלן מיר פרובירן אנגעבן עטלאכע אורזאכן פאר וואס אידן דארפן זיך ניט שטופן אין פרעמדע ליטעראטורן.

מיר האבן שוין געזען פריער ווי אזוי אידישע שרייבער ווערן באהאנדלט אין פוילן און אין דייטשלאנד. מיר האבן שוין פארנאטירט עטלאכע ארויסטרעטונגען פון אמעריקאנער שריפטשטעלער געגן אידישע שרייבער און קריטיקער, וואס שרייבן אין ענגליש. אזוי ווי עס איז געגן דער ווירדע פון א מענטשן מיט א רוקן ביין, ניט צו שטופן זיך וואו מען וויל אים ניט — אזוי דארף זיך א שרייבער ניט רייסן אין א ליטעראטור וואו מען וויל אים ניט. ניט נאר איז דאס געגן דער מענטשלאכער ווירדע פון שרייבער — נאר די געגנערשאפט מצד דער קריטיק וועט געוויס האבן א שלעכטע ווירקונג אויפן טאלאנט פון שרייבער. דאס וועט אים געוויס פארביטערן, עס וועט אים אריינטרייבן אין שווערער שטימונג — און קיין גוטס וועט דאס אים ניט טאן. ווען איינער וויל געבן דאס בעסטע, וואס ער פארמאגט, ווען איינער וויל געבן אין א קינסטלערישער פארמע זיינע חלומות,

*) די ציטאטן זיינען גענומען פון גרשם באדערס ארטיקל „אנטיסעמיטישע טענות צו אידישע שרייבער", „מארגן זשורנאל" 23־טער יוני, 1935.

טרוימען און די פארקערפערונג פון דאס בעסטע, אין אים — און אנשטאט וואס מען זאל דאס אויפנעמען מיט ליבע און ווארימקייט — באגעגנט מען אים מיט זלזולים או זידלעריי — מוז דאס פארטעמפן דעם קינסטלערס טאלאנט. עס וועט געוויס האבן א פאטאלע ווירקונג אויפן שרייבער. עס איז דעריבער אין די אינטערעסן פון דעם שרייבערס טאלאנט — שוין ניט רעדנדיק פון זיין מענטשלאכער ווירדע — ער זאל שאפן אין א קולטור סביבה וואו זיין שאפונג וועט באגעגנט ווערן מיט ווארימקייט סיי פון דער קריטיק, סיי פון דעם לייענער. א קינסטלער מוז האבן סימפאטיע אויב ניט וועט זיין טאלאנט אויסגעטריקנט ווערן.

כדי א שרייבער זאל ווירקלאך שאפן ווערטן מוז ער ארויסוואקסן פון דער סביבה. ער מוז זיין דורכגעדרונגען מיט דער קולטור אין וועמעס סביבה ער וויל שאפן. איינער וואס איז אויסגעוואקסן אין א אידישער אטמאספערע וועט ניט קאנען אנטוויקלען זיין טאלאנט אויב ער וועט שרייבן אין א פרעמדער שפראך און וועט נעמען מאטעריאל פון א ניט אידישער סביבה. אין ענגליש שרייבן בא אונז אין אמעריקע זייער פיל אידן — אבער קיינער פארנעמט ניט אזא פאזיציע אין דער אמעריקאנער ליטעראטור ווי, למשל, סינקלעיר לואיס. אין דער רוסישער ליטעראטור אין סאוועטן פארבאנד זיינען אקטיוו זייער א סך אידן. אויף דעם סאוועטישן שרייבער קאנגרעס — זיינען די מערסטע דעלעגאטן געווען אידן, וואס שרייבן אין רוסיש. אבער אט די אלע אידן — שרייבער פארנעמען קליינע און אומבאדייטנדע פלעצער אין דער רוסישער ליטעראטור. ווען מען רעדט פון דער מאדערנער רוסישער ליטעראטור, דערמאנט מען גלייך פילניאקן, און שאלאכאוון, און קאטאיעוון — אבער מען דערמאנט ניט קיין אידן. פון אלע אידן דערמאנט מען נאר ערנבורגן און באבילן. אבער דער ערשטער איז מער רעפארטער ווי קינסטלער — און דער צווייטער שרייבט שוין ניט א לאנגע צייט. און דא מוז מען דערמאנען, אז אין סאוועטן פארבאנד מאכט מען ניט קיין אונטערשייד צווישן אידן און ניט אידן. דארט ווערט יעדער קינסטלער, צו וואס פאר א פאלק, ער זאל ניט געהערן — אויפגענומען מיט אפענע ארעמס. די אידן וואס שרייבן אין רוסיש זיינען ניט שעפעריש דערפאר, וואס די רוסישע שפראך און קולטור איז ניט זייער אייגענע — און דער מאטעריאל איז זיי פרעמד. אין אידיש וואלטן זיי געווים געווען מער שעפעריש — און עס וואלטן זיך פון זיי אפשר אנטוויקלט טאלאנטן — אזוי וועלן זיי פארבלייבן ליטעראריש בעלי מלאכות.

דאס וואס די מאדערנע דייטשע ליטעראטור פארמאגט גרויסע אידישע שרייבער, ווי מיר האבן פריער דערמאנט, ווייזט יע, אז אידן קאנען ווערן גרויסע שרייבער אין א פרעמדער ליטעראטור — אבער מען מוז ניט פארגעסן, אז אט די שרייבער זיינען געקומען נאך הונדערט און פופציק יאר פון אסימילאציע, און מען דארף אויך ניט פארגעסן, אז פויכטוואנגער און וואסערמאן האבן דערגרייכט זייער גרויסקייט אין ראמאנען וואו די העלדן זיינען אידן און דער שטאף איז גענומען פון דער אידישער סביבה.

א איד פילט זיך היימישער אין א אידישער סביבה — זיין טאלאנט וועט זיך אין זיין אייגענער סביבה בעסער קאנען אנטוויקלען — און עס איז אין זיינע אייגענע אינטערעסן צו שאפן אין דער אטמאספערע וואו ער איז דערצויגן געווארן.

אידן רייסן זיך אין פרעמדע ליטעראטורן, דערפאר וואס אין דער גרויסער וועלט קאנען זיי קריגן א גרעסערע פעריפעריע, מער אנערקענונג און גרעסערע מאטעריעלע באלוינונגען. אבער דאס איז זייער א שלעכטע אורזאך פאר רייסן זיך אין דער „גרויסער וועלט". ערשטנס, קאנען ניט אלע קריגן די אנערקענונג. עס קומט אן שווערלאך זיך צו מאכן א נאמען אין דער ברייטער וועלט — אויב אפילו די „גרויסע וועלט" איז פריינטלאך — אבער זי איז דאס ניט — ווי מיר האבן דאס שוין פריער געזען. א אידישער שרייבער, וואס שרייבט אין אידיש, קאן זיין טאלאנט בעסער אנטוויקלען — און זאל ער נאר זיין באמת א גרויסער שרייבער וועט ער אויך אנערקענט ווערן אויסער די גרעניצן פון דער אידישער ליטעראטור. שלום אש און חיים נחמן ביאליק זיינען באקאנט אין דער ניט אידישער וועלט פונקט ווי אין דער אידישער.

אבער דא קומען מיר צו דער וויכטיקסטער פראבלעם. האבן מיר אן אטמאספערע וואו א שרייבער, וואס שרייבט אין אידיש, אדער וועלכער וויל שרייבן קאן זיך אנטוויקלען? האבן מיר א סביבה וואו א שרייבער זאל קאנען אנגיין און נארמאל שאפן? האבן מיר קריטיקער וואס זאלן פריינדלעך אויפנעמען א נייעם שרייבער? האבן מיר זשורנאלן, וואס וועלן דרוקן זאכן פון א יונגן שרייבער? האבן מיר א פארלאג וואס זאל ארויסגעבן זיינע ווערק? האבן מיר א לייענער וואס זאל לייענען און דיסקוטירן די ווערק פון א נייעם שרייבער? אויף די אלע אויבנדערמאנטע פראגן קאנען מיר געבן נאר איין ענטפער: נ י י ן. מיר האבן ניט קיין זשורנאלן, מיר האבן ניט קיין פארלאגן, מיר האבן ניט קיין לייענער און מיר האבן ניט ווער עס זאל זיך פאראינטערעסירן מיט נייע שרייבער. א אידישער שרייבער פילט זיך טאקע היימישער צווישן אידן — אבער קיין אמת'ע שאפונגס סביבה האבן מיר פאר אים ניט אנגעגרייט. ווי קאן מען פאדערן פון אלפרעד דאבלינען, אדער פויכטוואנגערן זיי זאלן שרייבן אין אידיש — אז אויב זיי וועלן דאס טאן — וועלן זיי ניט האבן קיין פארלעגער פאר זייערע ווערק — און וועלן דאס דארפן ארויסגעבן אויף זייערע אייגענע הוצאות? מען קאן דאך ניט פאדערן פון יעדן איינעם, ער זאל זיך מקריב זיין, כדי צו שרייבן אידיש? ספעציעל איז דאס שווער צו פאדערן פון יענע, וואס זיינען דערצויגן געווארן אין אן אסימילירטער פאמיליע, און זיינען אליין שפראכלאך אסימילירט. איידער מיר פארלאנגען אדער סונעסטירן, אז אלע שעפערישע כחות

פון אידישן פאלק זאלן שאפן אין אידיש — מוזן מיר א פריער באשאפן א אידישע קולטור סביבה. ווען מיר וואלטן געפירט א נארמאלן נאציאנאלן לעבן, ווען די יוגנט אונזערע וואלט דערצויגן געווארן אויף א י ד י ש, וואלטן מיר שוין האבן אי זשורנאלן, אי פארלאגן, אי לייענער. אבער מיר פירן ניט קיין נארמאלן לעבן. אומעטום זיינען מיר א מינדערהייט. אונזער יוגנט ווערט ניט דערצויגן אין אידישע שולן. די וועלכע רעדן נאך אידיש און לייענען די אידישע פרעסע, דארפן ניט האבן און ווילן ניט האבן קיין קינסטלערישע ליטעראטור. פאר זיי זיינען גענוג די שונד ראמאנען.

עס איז דעריבער דער חוב פון אונזער פאלקס־אינטעליגענץ, צו זען באשאפן אן אטמאספערע וואו שרייבער זאלן קאנען אנגיין מיט זייער ארבעט — זיי זאלן באריי־כערן אונזער קולטור און אונזער לעבן. ביז אט אזא אטמאספערע וועט ניט ב א ש א פ ן ו ו ע ר ן, קאנען מיר דערווייל ניט פאדערן פון אלע אונזערע שעפערישע כחות, זיי זאלן שאפן אין אידיש. מיר האבן ניט די מאראלע רעכט דאס צו טאן. די לאגע איז דעריבער זייער א שווערע. אי די אידן וואס שטופן זיך אין פרעמדע ליטעראטורן, פארלירן זייער פיל, אי אונזער אידישע קולטור און ליטעראטור פארלירן — און אונזער גאנצער לעבן איז גרויער און ארימער.

נאכדעם ווי דער ארטיקל איז פארענדיקט געווארן, האב איך געלייענט אין דער פרעסע, אז די אידישע פארפאסערס, הערי סעקלער און א. תלוש, גיבן ארויס זייערע, אזוי גערופענע שאפונגען, אין ענגליש. וויל איך דא פארזיכערן, אז ווען איך האב דעם ארטיקל געשריבן, האב איך ניט געהאט אין זינען אט דעם סארט פארפאסער און זייער גלייכן. איך האב געהאט אין זינען אזוינע שריפטשטעלער ווי ליאן פויכטוואנגער, יעקב וואסערמאן, ארנאלד און סטעפאן צווייג, פראנץ ווערפל, פראנץ קאפקא, ארטור שניצלער, אייזיק באבעל, אלפרעד דאבלין, לודוויג לואיסאן, מאקס לערנער, סידני הוק און אנדערע פון זייער גלייכן...

די תלוש'ס, סעקלערס און די אנדערע, וואס לאזן אויף זייערע אייגענע הוצאות איבערזעצן זייערע ביכלאך און באצאלן די פארלעגער פאר ארויסגעבן זיי, קאנען זיך גיין געזונטינקערהייט צו די „גוים". מיר שענקען זיי אוועק מיטן גאנצן הארצן. אונזער אידישע ליטעראטור האט פון זיי גארניט געהאט, ווען זיי האבן געשריבן אין אידיש — און זי וועט גארנישט ניט פארלירן, ווען זיי וועלן אויפהערן צו שרייבן אין אידיש.

ל. קוסמאן

אין די שאטנס

אין די שאטנס פון די גראזן,
אין א שטילער כשוף־נאכט,
האב איך אויגן צוויי דערזען,
אויגן גרינע, אויגן קאלטע.
שארפער שטאל און אומריין בלוט —
די פאן.

ווינטן ווייכע סודן בלאזן.
ציינער שטשירען. אויסגעלאכט
ביסטו, צעטראטן. געווען
א לעבן און מער ניטא. אן אלטע
מעשה זיך פארלאפן: ברוט
האט זיך געמאכט א טראן

אויף דעם שוים פון מאמע ערד
מיט די זאפטן פון יצירה
זיך געשפייזט, גענערט.
צארטע סטרונעס פון גאטס לירע
מיט די ציין געשטומפט, פארצערט.

זיצט דער ברוט דארט אויבנאן,
שארפט דעם חלף צאן אן צאן.
בליצן גרינע אויגן קאלט
אין דער נאכט פון וואלד.

זאג, וואס ווילסטו, גזלן טויבער?
נאך א לעבן אין דיין אפגרונט
אן א קאמף זאל איך אפגעבן?
האסט געמארדעט שוין מיין שטאם,
וויסט פאריתומט מיינע ברידער,
איצט פאר מיר גרייט האסטו א מעסער?!

כ'פיל קיין שרעק פאר וואלד און רויבער.
מיט די שטערן לאנג א בונד
האב איך געשלאסן. דארט גליט מיין לעבן.
ס'וועט ניט העלפן דיר קיין שארף, קיין סם!
זינגען קאן איך נייע לידער
שארפער פון דיין גיפט און מעסער.

זיצט דער ברוט און שארפט די ציין
אין די שאטנס, זיין באהאלט.
לויערט נאך א הארץ געמיין,
לויערט קאלט.

הארץ און בלוט איז קרוין פון גאט —
גרינע אויגן בליצן.
חלף גייט א קארעהאד,
ציינער ריצן־קריצן,
וואונדן צאפלען, שפריצן —

ציט די ערד די זאפטן איין,
וואקסן בלומען אויס אין פיין.

י. ראפאפארט

„די הויז אויפ'ן בארג" שטייט ניט אזוי הויך...

ש. הארענטשיק: „דאס הויז אויפן בארגיי". ראמאן „קולטור־ליגעי", ווארשע.

פאר דעם וואס האט שוין עטלעכע מאל געשריבן וועגן הארענטשיקס פריערדיקע ווערק, איז שווער צו שרייבן וועגן „הויז אויפ'ן בארג": עס קומט אויס איבערצוחזרן דאס שוין עטלעכע מאל געזאגטע, סיי וועגן הארענטשיקס מעלות, סיי וועגן זיינע חסרונות. אבער פארפאלן: אויב הארענטשיק גייט נישט ווייטער, מוזן אויך זיינע רעצענזענטן בלייבן מיט אים אויפ'ן זעלבן ארט...

* * *

דאס הויז אויפן בארג איז, — מאדערן זיך אויסגעדריקט, — א ראסן־ראמאן. און נישט דערפאר, ווייל דארט ווערן געשילדערט מענטשן פון א האלבער טוץ פעלקער, נאר ווייל די עיקרדיקע טעמע פון ווערק איז די געשיכטע פון א ליבע צווישן א איד און א קריסטין.

דאס איז א גענוג דאנקבארע טעמע פאר א ראמאן, סיי פון ריין מענטשלעך־פסיכאלאגישן שטאנדפונקט, סיי פון געזעלשאפטלעכן און נאציאנאלן. קומט דאך דער ראמאן פאר אין א לאנד, אין א געזעלשאפט, וואו די קעגנזאצן צווישן איד און קריסט זענען צוגעשפיצט ביז גאר. אבער א פאטענציעל־רייכע טעמע באווארנט נישט פאר א קינסטלעריש־ארעמער דערגרייכונג.

הארענטשיקן איז געלונגען ארויסצוקריגן פון דערדאזיקער טעמע בלויז עטלעכע סענטימענטאלע טענער, און דאס אויך נישט קיין רירנדיקע, נאר באנאלע.

„... זי — איז דאך געווען א קריסטין! א טאכטער פון יענעם פאלק, פאר וועלכן זיינע, דניאלס, זיידעס און פאטער — האבן מורא געהאט; זיי דעם וועג אפגעטרעטן, געציטערט פאר זייער חגא־טאג, זיי אויסגעמיטן און — אין הארץ — פאראכט"... „און זי — וואנדא! — ער איז דאך א איד, א זשיד, איינער פון די, וועמען דיין פאלק פאראכט און באליידיקט, איבער וועמען דיינע גאסן־יונגען מאכן זיך פריילעך! וואס איז עס געווארן פון דיר, שטאלצע פוילישע טאכטער? פארוואס קומסטו מיט אזא פריילעכן בליק אין זיין שטיבל? — פארוואס?" „אבער ניין, עס איז דאך פשוט: זיי זענען יונג, עס ציט זיי איינעם צום אנדערן, זיי האבן זיך גערן און זיי זוכן זיך".

ווי אין באקאנטן אנעקדאט וועגן געטעס „ערלקעניג": „ווער רייטעט זא שפעט דורך נאכט אונד ווינד? דאס איזט דער פאטער מיט זיינעם קינד". אז דו ווייסט, טא וואס זשע פרעגסטו?"

אין די גאנצע ספעציפישע איד־קריסטלעכע באציאונגען צווישן דאזיקן פארליבטן פארל, איז דא בלויז איין סצענע, וואס הויבט זיך אן מיט פארנעם, מיט טאלאנט. דאס איז אויף ז. 94-95, ווען הארענטשיק הויבט אן שילדערן דעם איינדרוק, וואס וואנדאס צלמל מאכט אויף אים, אבער ווי נאר עס קומט צום דיאלאג, וואס דארף דיסקאנטירן די דאזיקע פיין־אויפגעכאפטע און גוט־פיקסירטע שטימונג, — ווערט אלץ קאליע. — „א, וואס פאר א שריפט איז דאס — היראגליפן, צי אראביש". זי ווערט מיטאמאל אזוי געבילדעט, וואנדא. און עס גייט אוועק א שמועס, וואס איבערצייגט אן איבעריקן מאל, אז הארענטשיק באהערשט לחלוטין נישט דעם דיאלאג — דעם בעסטן פרוביר־שטיין נישט נאר פאר א דראמאטורג, נאר אויך פאר א ראמאניסט, פאר א דערציילער.

* * *

אבער נישט נאר דאס ספעציפיש איד־קריסטלעכע אין דערדאזיקער ליבע איז הארענטשיקן נישט געלונגען; די סתם־מענטשלעכע ליבע איז אים אויך נישט געלונגען, ווייל עס זענען אים בכלל נישט געלונגען די הויפט־העלדן פון דאזיקן ווערק. (און דאס איז א כלל־גדול: א ווערק, וועמעס הויפט־העלדן עס זענען טויטע מאנעקינען, איז א ברכה לבטלה, מעג עס פארמאגן אפילו די בעסטע ערשט ראנגיקע פרטים).

דניאל און וואנדא האבן זיך ליב. „צוויי בלומרשט פרעמדע יונגע וועזנס האבן זיך אין עקסטאז פאראייניקט", און ארום האט זיך אלץ „ווי וואינדערלעך צו געהערט צו אט דער גרויסער אנטפלעקונג". אבער נאך דעם אלעם, אז זי בלייבט אן א וואוינונג און ער בעט איר אריינציען זיך צו אים, קומט פאר אזא מין דיאלאג (יעדעם ווארט איז אויף דער וואג פון גאלד נאך פאר דוניקאווסקיס דערפינדונג):

— "זאגט מיר דאס נישט, איך בעט אייך, — איך וויל מיך נישט אליין פאראכטן". — „ווייל — וואוינען ביי א איד?"... — ניין, נישט ווייל ביי א איד... איך וועל נישט קענען קוקן אויף מיר (?! י.ר.), ווי אויף א „קאכאנקע" (געליבטע" אויף פויליש)...

— „וואנדא טייערע! נישט איך מיין דו זאלסט מיר ווערן א „קאכאנקע", און נישט איך טראכט דערפון".

כדי צו באגרייפן די גאנצע פארטאטשנעקייט פון דאזיקן דיאלאג (און ער איז נישט קיין בן־יחיד...), דארף מען נעמען אין אכט פאלגנדע אומשטענדן: וואנדאן ארט נישט וואס זי וועט וואוינען מיט א אידן; איר ארט נישט פאר דער עפנטלעכער מיינונג פון „הויז אויפן בארג", נאר זי וויל נישט, אז זי אליין זאל זיך פאראכטן... און גלייכצייטיק זענען זיי „פאראייניקט אין עקסטאז" און אלע הערן זיך צו „צו אט דער גרויסער אנטפלעקונג". הארענטשיק מיינט, ווייזט אויס, אויף

אז אמת, אז ער האט דורכדעם „באוויזן" די גייסטיקע ריינקייט פון וואנדאן... אזעלכע אומגעלומפערטקייטן אין א פינפטן ראמאן פון א שוין נישט יונגן שרייבער, קאן מען זיכער נישט מוחל זיין.

פון די דאזיקע אפטע אומפארצייליכע אומבאַהאלפנקייטן, וויל איך ברענגען נאך א מוסטער: „דניאל איז ארויפגעגאנגען צו זיך. קוים זיך איבערגעטון אין טרוקענע מלבושים. ניין, נאך געשטאנען אין אונטערוועש האט עמיץ אנגעקלאפט: — מ'קאן נישט איצט! — האט דניאל ארויסגעשריגן אויפגערעגט. אפגערוט א ווײַלע האט מען ווידער אנגעקלאפט. אז אויפגערעגטער איז דניאל צוגעגאנגען צו דער טיר א קוק צוטון, ווער דאס איז און נאך אמאל זאגן, אז איצט קאן מען נישט אריינגיין, ווייל ער טוט זיך איבער. אז עפן געטון די טיר, א קוק געטון, — ס'איז וואנדא. „אך, מ'קאן, מ'קאן, קום אריין".

די גאנצע אומנויטיקע, אבער „גראציעזע" נעגליזשע־סצענע איז דא, כדי צו ווייזן אויף וויפל דניאל פריינדלט זיך מיט וואנדאן: אפילו ווען ער איז אין גאטקעס לאזט ער זי אריין. איז דעריבער טוט ער זיך איבער, דעריבער איז ער אויפגערעגט, ווען עמיץ קלאפט אן (פארוואס — אויפגערעגט?...), דעריבער גייט ער צו אקוק טון ווער עס איז (ער האט דאך געקאנט פרעגן אדער וואנדא האט געקאנט אליין זאגן).

די גאנצע ליבע, וואס דארף זיין טראגיש, איז ביזן סוף סענטימענטאל און שלאבעריק. ווי נאר האראנטשיק נעמט זיך צום עיקר, צו די דניאל־וואנדא־באציאונגען, גייט ער בארג אראפ.... די ליבע איז ווערטערדיק, די איפערזוכט איז ווערטערדיק, די געשטוקעוועטע טראגעדיע פון דניאלן איז ווערטערדיק.

ווען דער מאלער פעלז באוויזט זיך אויפ'ן האריזאנט, ווערט דאס פשוטע מיידל וואנדא אזוי אליךוויסנדיק, עס קומען פאר אזעלכע „אינטעליגענטע" שמועסן! ... זי זאגט צו דניאלן:

„— ניין, דו האסט א טעות, דניאל, די שטיינווארצלאווסקים זענען נים „דאס פאלק", איך וואלט נאך פארשטאנען — אונטן די קצבים און די איבעריקע — די שטיינווארצלאווסקים זענען די נאנגרענע. דער אייטער פון פאלק ...", א קאפיטשקע נישט פאסיק פאר וואנדאן...

און דער קולמינאציע־פונקט פון דער דניאל־וואנדא־טראגעדיע, דער אבארט, איז, — ניט געקוקט אויף דער התפעלות פון עטלעכע קריטיקער — פלאכע שמירעכץ. סיי דאס גיין צו די אקושערקעס, סיי דניאל'ס ארומלויפן נאך געלט, איז סענטימענטאלער קוואטש, ביליקער, שלעכטער „ליטעראַרישער" שאבלאן...

דניאל טויב בלייבט ביזן סוף פון ראמאן אדער פרעמד, אדער נישטיק; אין בעסטן פאל א צעקנייטשטע שמאטע. אט מאכט ער דעם אנשטעל, אז ער שטייט העכער פאר דער עפנטלעכער מיינונג, אבער ווי נאר ער הערט, אז עמיץ ווארפט פאר וואנדאן איר וואוינען מיט א אידן, — הויבט ער אן צו שטוקעווען א טראגעדיע דערפון; ווען ער רעדט־צו וואנדאן צו וואוינען מיט אים און צו עסן זיינס — איז דאס פאר אים זעלבסט־פארשטענדלאך, אבער צו עסן חבריש פון וואנדאס פארדינסט שטייט אים נישט אן. וואלט אים האראנטשיק געוואלט שילדערן אלס נישטיקן קליינבירגער, וואלט ער נאך געווען א געלונגענער שאטן, אבער דאס וויל נישט האראנטשיק; דניאל איז א טראגישער העלד, און במילא אפילו אלס שאטן — נישט געלונגען, פארשוואומען.

וואנדא בלייבט אויך אן אומקלארער שאטן ביזן סוף פון ראמאן. זי זאגט: „א צו הארט לעבן האב איך דורכגעמאכט אין מיינע זעקס־און־צוואנציק יאר, איך זאל זיך האלטן פאר א ליאלקע". אבער איר לעבן קאנען מיר נישט, מיר קאנען זי בכלל נישט, זי רעדט צו אונדז ווי א פרעמדע. און פעלז? אים זעען מיר אוודאי נישט, און אויב מיר הערן אים דיסקוטירן — ווייסן מיר נישט וואס ער וויל. וואנדא זאגט עדות אויף אים, אז ער איז טיף און סובטעל, אבער ווער קאן גלייבן א אומבאקאנטן מענטשן?

* * *

דאס זייטיק־דערציילערישע אין בוך — די שטייגער־בילדלעך פון „הויז אויפ'ן בארג", — זענען נישט דער ערד בעסער ווי די הויפט־טעמע. זיי זיינען אי קירצער, אי אויסגעהאלטענער אין טאן, און מיר זעען אויך מענטשן: לעמקען, זיין פרוי, א גאנצע ריי דריט־ראנגיקע פערזאנען. אמת, אויך דא געפינען זיך לחלוטין אומנויטיקע, אומקינסטלערישע אפווייכונגען. למשל: אויף זייט 360־61, ווי די שוסטערקע האט מורא פארן טויט. (ער קערט זיך אפילו אום צום דאזיקן אומנויטיקן פורט אויף ז. 366־67); די פאליטישע שמועסן פון די „הויז"־ארבעטער זענען שוין צו געטריי, צייטונגסמעסיק, אמאל נאך אפילו וויניקער פון דעם; אבער דאך מערקט זיך דא האראנטשיקס עכט־בעלעטריסטיש אויג און זיין פייאיקייט לעבעדיק אויפצוכאפן שטייגער־בילדלעך.

מען מוז אויך פארצייכענען, אז אמאל געלינגט האראנטשיקן צו ווירקן אויפן לייענער דורך סובטעל־שטימונגספולע שטעלן (נישט קיין צו אפטע דערשיינונגען ביים דאזיקן על פי־רוב רויען שרייבער). למשל: „דאס איז געווען יענע ווייכקייט, וואס אז זי באפאלט א מענטש, וואקסט זיין געפיל אוים צו א בלום און דאס פעדערל, וואס האט זיך אים אן ארבל אנגעטשעפעט — נעמט ער לייכט מיט צוויי פינגער אראפ, — אזוי לייכט, ווי א לעבעדיק באשעפעניש..." צו די דאזיקע שיינע שטעלן געהער אויך די באשרייבונג פון די טויטע קראען. א פראכטפול בילד אין א פראכטפולער סטיליסטישער פארם (וואס פארוואונדערט, ממש, ביי האראנטשיקן, דעם שפראך־נאכלעסיקן).

* * *

מיט דער שפראך־נאכלעסיקייט וויל איך פארענדיקן מיין רעצענזיע. האראנטשיק, וואס באהערשט

קוים די אידישע שפראך, באמיט זיך צו שאפן נייע ווערטער, ווי, למשל: „אנלבושדיקע". קאן מען זיך שוין פארשטעלן, ווי זיי קוקן אויס. אדער ער שרייבט אין די הונדערטער אזעלכע זאכן: „ס'איז געווען, אינמיטן דעם — איז פון הויז געקומען ארויסצוגיין סטעסעם בלאנדהאריקע, צעניעריק מיידל, איז, — אין עפענען די הויז־טיר און דערבליקן די לעמקען שטיין אזוי מיטן פארבלוטיקטן מעסער, האט דאס מיידל צעטומלט אויסגעשטעלט פארשטארטע אויגן..." „זי האט נישט אנגעשטעלט נישט געמאכט קיין אנשטעל—י.ר.), נאר זי האט זיך טאקע אונטער זיין בליק געשעמט...". „נישט־זיניקע — אנשטאט „אומזיניקע"...

וואס איז דער וואונדער, וואס די שונאים אונזערע טראקטירן אידיש ווי א זשארגאן, — אויב די אידישע שרייבער גופא טראקטירן אזוי זייער מוטער־שפראך און זייער קינסטלערישן אינסטרומענט...

א. נאירמאן

רבקה גאלין

(געבארן שבועות 1890 — געשטארבן 8 אויגוסט 1935)

רבקה גאלין איז געבארן געווארן מיט 45 יאר צוריק אין א קליין שטעטל אין ליטע (היינט פוילן) לעבעוויטש, מינסקער גובערניע. איר טאטע איז געווען א געלערנטער איד, אבער זייער א שטרענגער, דערפאר איז די מוטער אירע, טויבע, געווען זייער א גוטע, דערצו א קלוגע און אן איידעלע, האט זייער ליב געהאט צו לייענען די אידישע און רוסישע ליטעראטור. האט אפילו אנגעשריבן א ראמאן אין אידיש, אבער זי האט אים נים געדרוקט. זי האט אים אפילו זעלטן ווען ווייזן. זי האט זייער ליב געהאט לידער און די וואס זיינען איר געפעלן געווארן, פלעגט זי איבערשרייבן ביי זיך אין א העפט און פלעגט זיי אפט לייענען און אפילו שאפן מאטיוון צו זיי און מיט אירע אייגענע מאטיוון זיי אפט זינגען.

אבער איר מוטער האט לאנג ניט געלעבט: זי איז געשטארבן פון איר לונגען קראנקהייט צו 29 יאר, איבערלאזנדיק נאך זיך פינף קליינע קינדער, פון וועלכע רבקה'לע איז געווען די עלטסטע — זי איז דאן אלט געווען אינגאנצן 10 יאר.

נאך איר מוטערס טויט האט איבערגענומען צו זיך צו האדעווען איר באבע פון מוטערס צד, א פארמעגלאכע אלמנה, וועלכע האט געהאט אין לעבעוויטש א פאבריק. די באבע איז געווען צו פארנומען מיט איר געשעפט, און מיט רבקה'לעס דערציאונג האט זיך פארנומען איר פעטער אלטער, וועלכער האט אליין געקראגן א גוטע רעליגיעזע און וועלטלאכע דערציאונג. ער האט רבקהלען זייער ליב געהאט און האט איר מיט זיין ווארעמער און העכסט סימפאטישער דערציאונג פארביטן אי דעם פאטער און אי די מוטער. ער האט געזען, אז איר זאל גארנישט פעלן, ער האט פאר איר גענומען די בעסטע לערער פון שטעטל. רבקה'לע האט ארויסגעוויזן וואונדערבארע פייאיקייטן און האט זיך געלערנט מיט גרוים חשק. אין גיכן האט זי שוין געקענט דעם חומש און תנך אויף אויסווייניק. אין איר פרייער צייט האט זי געלייענט און טאקע א סך געלייענט. צו פופצן יאר איז זי געווען גוט באקאנט מיט די אידישע, העברעאישע און רוסישע קלאסיקער.

אין יענער צייט האט איר פאטער א צווייטן מאל חתונה געהאט און איז איינגיכן אוועקגעפארן אין אמעריקע. צו זעכצן יאר איז זי אויך צוזאמען מיט אירע צוויי ברידערלאך געקומען אין אמעריקע. אבער פארפארן זיינען זיי נים צו זייער פאטער, נאר צו זייער מומען פייגלען צימערמאן, וועלכע האט זיך אפגעגעבן מיט די יתומימלאך, ווי מיט אירע אייגענע קינדער. די זעכצן יאריקע רבקה איז גלייך אוועק ארבעטן, נייען קליידלאך אין א פאבריק און אין די אוונטן האט זי זיך געלערנט ענגליש.

ניו יארק האט פאר איר א נייע וועלט אנטפלעקט — א גייסטיקע וועלט: אזוי פיל אידישע טעאטערס, קאנצערטן, לעקציעס, פארשידענע אונטערנעמונגען, צייטונגען, זשורנאלן און א דורשט נאך א גייסטיקן לעבן האט זי געהאט א מערקווירדיקן. מען דארף אומעטום גיין, מען דארף אלעמען אויסהערן, מען דארף מיט אלץ באַקאנען זיך, מען מוז אומעטום זיין. און זי ווארפט זיך אריין אין דעם גייסטיקן ניו יארקער אידישן קאך־קעסל מיטן גאנצן ברען און אימפעט פון איר דורשטיקער זוכנדיקער נשמה. א גאנצן טאג אין שאפ, אין אוונט אויף לעקציעס און ביז שפעט אין דערנאכט לייענען. און דערצו די ענגלישע קורסן.

און זי האט נים אויסגעהאלטן. נאך א פאר יאר פון אזא אנגעשטריינגטער ארבעט איז זי קראנק געווארן אף די לונגען (א ירושה פון איר מוטער) און די דאקטוירים האבן איר געהייסן פארלאזן ניו יארק. זי פארט אין די בערג, פארבעסערט אביסל איר געזונט און קומט ווידער אין ניו יארק ארבעטן אין די שעפער. נאך א קורצער צייט פון ארבעטן ווערט זי ווידער קראנק און דאס מאל פארשיקן איר די דאקטוירים אין דענווער, קאלאראדא. זי ווערט אנגענומען אין דעם אידישן סאניטאריום פאר שווינדזוכטיקע. דארטן שטודירט זי ערנסט די ענגלישע און אידישע פאעזיע און הויבט אליין אן באהאלטענערהייט צו דיכטן. א גאנצן ביכל מיט לידער אנגעשריבן, אבער זי ווייזט זיי קיינעם נים, שיקט זיי ערגעץ נים אוים מורא — דער רעדאקטאר זאל נים אריינווארפן אירע לידער אין קארב. ניטא דער גלויבן

אין איר שאפן, איר דיכטונג און אירע אייגענע כחות.

זי נעמט זיך מיט א ברען צו דער אלוועלטלאכער פּאעזיע, לייענט אין ענגליש, אידיש, דייטש און רוסיש די אריגינעלע און איבערגעזעצטע פּאעזיע פון די גרעסטע דיכטער פון אלע פעלקער. לייענט די פארשידענע אנטאָלאָגיעס פון פּאעטישן שאפן פון אייראָפּע, אמעריקע און אזיע. ווייס אויף אויסוועניק וויטמאנען, סטיווענסן, פּא. פאראינטערעסירט זיך מיט פאלקלאר, פאלקס לידער, פאלקס שאפונג... און דיכטעט אליין אויך, אבער קיינער טאר פון דעם ניט וויסן. נאך ניט גוט גענוג . . .

זי פארלאזט דעם סאניטאריום און איז געצוואונגען ווידער צו ארבעטן אין שעפּער — מען מוז עסן. און ס'איז גוט וואס ס'איז דא ארבעט, ווען ניט מוז מען צוהונגערן. און דא דערוויסט זי זיך, אז אירע צוויי אינגערע שוועסטער זיינען אנגעקומען אין אמעריקע און זי קלייבט שוין פּעני צו פּעני צו מאכן אירע שוועסטערלאך א סופּריז, אנקומען אומערווארטעט צו זיי צו גאסט.

אין ניו יארק דערפילט זי זיך ווידער ערגער. און מוז ווידער די שטאט פון אירע נאנטע פארלאזן. דאס מאל פארט זי שוין אין קאליפארניע — א רייזע וואס האט דאן גענומען פינף מעת לעת. א קראנקע א פארמאטערטע, מוז זי לייידער אין דער נייער שטאט זוכן ארבעט. דא האט זי איר ארבעט אין שאפּ אויף דער ארבעט פון א בארמהערציקע שוועסטער פארביטן. אין א צייט שפּעטער איז זי אין סאן פראנציסקא אנגעקומען און זיך גלייך באקאנט מיטן שרייבער און לערער נח מישקאווסקי, און בא דער ערשטער באגעגעניש זיך איינע אין די אנדערע פארליבט און די ליבע האט אנגעהאלטן ביז דער לעצטער מינוט פון איר לעבן — גאנצע 21 יאר. און אלט געווען איז זי איינגאנצן 24 יאר און שוין אזויפיל דורכגעמאכט. מישקאווסקי דערזעט אין איר א גרויסן דיכטערישן און דערציילערישן טאלאנט. ער גיט איר צו גלויבן אין זיך און מוט צו ארבעטן ווייטער אויף אירע לידער. זי שיקט דאן צום ערשטן מאל אירע לידער אין ''פראגרעס'', קאליפארניער שטימע'', ,,פרייע ארבעטער שטימע'' און א וואונדער: ניט נאר זיי דרוקן דאס גלייך, זיי בעטן זי זאל זיי צושיקן נאך.

אין 1917 פארלאזט זי מיט איר מאן נח מישקאווסקי סאן פראנציסקא פאר א רייזע ארום דער וועלט. געווען אויף די האוואיער אינזלען. דורכגעפארן יאפּאן, כינע און ניט קענענדיק פארן ווייטער צוליב דער וועלט מלחמה און בירגער קריג אין רוסלאנד, פארבלייבן זיי אין מאנדזשוריע פאר גאנצע פיר יאר, באזעצנדיק זיך אין כארבין.

אין כארבין איז שוין צו יענער צייט געווען א גאנץ באדייטנדע אידישע באפעלקערונג מיט א סך קולטורעלע אינסטיטוציעס ווי העברעאיסטישע אזוי אויך אידישיסטישע. עס האט געבליט די אידישע מוזיקאלישע, דראמאטישע און ליטערארישע געזעלשאפט. עס האט זיך געגרינדעט דער שלום עליכם קינדער גארטן, מען האט געעפנט אידישע ארבעטער אוונט קורסן, אויך איז דא געווען די רייכסטע אידישע ביבליאטעק פון גאנץ אזיע. און רבקה גאלין ווארפט זיך צום ערשטן מאל אין איר לעבן אריין אין געזעלשאפטלעכע ארבעט אויפן קולטורעלן געביט. אמת, א שטויס צו דעם האט איר געגעבן דער ערשט געגרינדעטער שלום עליכם קינדער גארטן אין כארבין. די לערער האבן ניט געהאט פאר די ברעקלאך קינדער קיין לידלאך, שפּילערייען, מעשה'לאך און זיי האבן זיך געווענדט נאך הילף צו רבקהן. רבקה שרייבט אן א שפּיל פאר די קליינינקע אונטערן נאמען ,,ווינטער און פרילינג'', א מאסן שפּיל פון קינדער. אין דער שפּיל שטעלן די קינדער פאר מיט זיך דעם הערשנדיקן בייזן ווינטער, דעם שמייכלענדיקן בלומענדיקן פרילינג, דעם קאמף צווישן זיי און ווי דער פרילינג פארטרייבט דעם ווינטער. די שפּיל ווערט דורכגעפירט. דער עולם אין טעאטער איז אויף דער העכסטער שטופע פון באגייסטערונג. א שאד — די שפּיל איז ערגעץ ניט געדרוקט געוועזן — איז זי פארפאלן געווארן. אבער איר קאריערע איז שוין געזיכערט און די לערער בעטן לידלאך. זי שרייבט דאן פארן קינדער גארטן ,,א מאנטשיק מיידעלע'' ,,טוק טוק'' ,,א קעצעלע'' ,,אלע פיר'' ,,קויף ביליג'', ,,איך האב ליב''. די לערער און די קינדער כאפּן אויף די לידלאך און אלע קינדער אין כארבין לערנען זיי אויף אויסוועיניק און דעקלאמירן זיי. דער שלום עליכם קינדער גארטן האט איר ארויסגעפירט אויפן וועג פון איר שאפן און פון דאן אן ביזן טויט האט זי זיך מערסטנס אפּגעגעבן מיט מוטער לידער און קינדער לידער.

דער כארבינער אידישער קלוב האט איר איינגעלאדן צו ווערן די לערערן אויף די ניי געגרינדעטע אידישע ארבעטער קורסן. מיט גרויס פרייד האט זי די איינלאדונג אנגענומען, כאטש זי איז ניט געווען גענוג שטארק מיט אזעלכע קורסן אנצופירן. און זי ווערט א לערערין פון דערוואקסענע אידישע ארבעטער. זי האט זיך די קורסן אפּגעגעבן מיט ליב און לעבן און געהאט א סך פרייד, ווען זי האט באמערקט, אז זי טוט יא עפּעס אויף אויף דעם געביט.

זי נעמט אויך אן אייגנטייל אין דעם דראמאטישן אפּטייל פון אידישן קלוב, שפּילט אין ,,נאך דער קבורה'' פון י. ל. פּרץ אין דעם גרעסטן זאל אין כארבין און איר שפּילן נעמט שטארק אויס.

נאך מער פון אלץ אין לעבן גיט זי זיך אפּ מיט קינדער, מיט די פּשוטע אידישע **פאלקס-קינדער. אין** יעדעס קינד האט זי געפונען א באזונדער חן, א מאדנעם צויבער און איר גרעסטער פארגעניגן איז געווען צו פארשאפן פרייד די קינדער. זי האט פארבראכט מיט

זיי און געשפּילט זיך מיט זיי, פלעגט זיי קויפן גוטע זאכן און מיט פרייד צוזען ווי די קינדער האבן פארגעניגן פון דעם זי האט פארבראכט מיט זיי און געשפּילט זיך מיט זיי ניט ווי א דערוואקסענע, נאר טאקע ווי א קינד זייערס א גלייכן, זייערס א חברטע. זי פלעגט זיך דאן מיט גארנישט אונטערשיידן פון די אלע אנדערע קינדער. זי פלעגט אריינגעצויגן ווערן אין דער שפּיל און זיך אנשפּילן פונקט ווי א קינד. זיי פלעגט גאנצע טעג מיט קינדער פארברענגען, שטודירן זייער קינדער־פּסיכאלאגיע. זי האט די קינדער אזוי געלערנט, אז איר איז געווען באקאנט דער קלענסטער בויג פון זייערע קינדערשע נשמות. זי האט כמעט אלע מאל פארגעצויגן די געזעלשאפט פון קינדער אנטקעגן דערוואקסענע. זייטיקע פלעגן זיך אפּט וואונדערן, צוזעענדיק ווי ערנסט זי פארברענגט שעהנווייז מיט קינדער, ווי זי שפּילט זיך מיט זיי, ווי זי דערציילט זיי מעשות. און די קינדער, וואס פלעגן קומען אין באריהרונג מיט איר האבן איר שטארק ליב געהאט און פלעגן אלעמאל לויפן זען דער ,,מומען רבקהן''.

דער הייליקסטער געדאנק איז ביי איר געווען האבן אן אייגן קינד. זי האט ווען דעם געטרוימט טאג און נאכט. אבער דאקטוירים האבן איר פארווערט א קינד צו האבן. זיי האבן איר מיט הארבע ווערטער אנגעזאגט, זי וועט דאס ניט איבערלעבן. און דאך באשליסט זי, זאל זיין שטארבן אבי האבן א קינד, אלץ איינס אין דאס לעבן אז אן אייגן קינד געגליכן צום טויט.

און דאן האט איר דער גרעסטער גליק געטראפן: זי האט א קינד געבוירן און אליין ניט געשטארבן. זי האט געבוירן א מיידעלע וועלכע זי האט א נאמען געגעבן נאך איר מוטער — טייבעלע, וועלכע איז פאר איר געווארן אלץ אין דער וועלט. איר אנהאלט אין לעבן, איר בארעכטיקונג פון ליידן, איר העכסטער אינטערעס איר גרעסטער גליק. און טייבעלע וואקסט, ווערט שענער און שענער. טייבעלע איז א פוקע מיידעלע, מיט גרויסע בלויע אויגן מיט זייער א קלוגן אינטעליגענטן אויסזען. און זי גיט זיך איינגאנצן אפּ דאס קינד. זי דערפילט איר מוטער ארבעט מיט א הייסער ליבע, מיט א געפיל פון גליק. נאר איר גליק איז אלע מאל פארסמט. זי איז אין איין שרעק — זי זאל דאס קינד ניט איבערגעבן די ירושה, וואס איר מוטער האט איר איבערגעגעבן, און דאס געפיל פון גליק געמישט מיט שרעק און פון פיין. דריקט זי אויס אין איר וואונדערבארער ליד, וועלכע זי האט צו יענער צייט געשריבן:

ווען מיר טרעפט דיין קינדערש בליק
ציטערט אלץ אין מיר פון גליק
שמייכלט דאן די גאנצע וועלט
אלעם זינגט און אלעם קוועלט.

פלוצים שווימט די פרייד אוועק
און עס גנבעט זיך א שרעק
אין דער מאמעס הארץ אריין
און עס מישט זיך שרעק און פיין.

עפּעס ווערט מיך מאדנע שווער
און עס קייקלט זיך א טרער
ס'זאל חלילה ס'מזל דיין
וויסט און שווער ווי מיינער זיין.

ווען עס מישט זיך שרעק און פרייד
טו איך תפלה שטילערהייט
גאט אליין זאל היטן דיר
פון א מזל ווי ביי מיר.

די ליד האט מען גלייך איבערגעזעצט און איר געדרוקט אין א רוסישן זשורנאל.

טייבעלע איז שוין אלט דריי יאר. מען קען שוין פארן ווייטער. די פאמיליע פון דריי מאכט ווידער א רייזע איבער סיביר, כינע, יאפּאן, קאריע, פארט דורך גאנץ אינדיע, פארן אריין אין אפריקע, שטעלן זיך אפּ אין די צפון אפריקאנישע לענדער, אויך אין אראביע, תימן, פארן דורך דעם סועץ קאנאל און קומען קיין ארץ ישראל, וואו זי פארבלייבט פאר א גאנצן יאר צייט. טייבעלע רעדט א וואונדערבארן אידיש. דעקלאמירט וואונדערבאר אידישע לידער, וועלכע די מאמע שאפט פאר איר. די מאמע לערנט איר זינגען פאלקס לידער, אויסער דעם קען טייבעלע אביסל כינעזיש, העברעאיש. די ארומיקע באוואונדערן אין אינטעליגענץ.

פון ארץ ישראל פארן זיי ווידער אין מצרים, באזוכן אלזשיר, מאראקא, פארן פארביי דעם גיבראלטאר, פארן אריין אין איטאליע, שטעלן זיך אפּ אין נעאפּאל אויף צוויי חדשים. איר מאן וויל פארן אין רוסלאנד און זי נאר אין אמעריקע. שטארק פארבענקט זיך נאך אירע ברידער און שוועסטער און אנדערע קרובים. זי מוז זיי זען כל זמן עס איז נאך ניט צו שפּעט. און זיי זיינען אוועקגעפארן אין אמעריקע.

ניט מער ווי צוויי יאר האט טייבעלע געלעבט אין אמעריקע. צו זעקס יאר מיט פיר חדשים איז זי געשטארבן פון רוקן מענעגיטיס. רבקה איז פון דעם שרעקלאכן קלאפּ געפערלאך קראנק געווארן און פון דאן איז זי שוין ניט געקומען צו זיך. צוויי מאל געפּרובט זעלבסטמארד. דעם צווייטן מאל האט דעם דאקטאר גענומען צוויי שעה צו ברענגען איר צום לעבן. די גאנצע צען יאר, וואס זי האט נאך געלעבט נאך איר קינדס טויט, איז זי געווען ערנסט קראנק, כמעט ניט אראפּ פון בעט, געשוועבט צווישן לעבן און טויט. געשלעפּט איר טרויעריקע עקזיסטענץ אונטערן צייכן פון דעם גרויסן בראך, פון דעם גרעסטן אומגליק.

און לינגדיק אין בעט אין געראנגל פון לעבן און טויט, האבנדיק די שרעקלאכסטע זעאונגען, פלעגט זי שאפן אירע קינדער לידער, אויב ניט פאר איר טייבעלען איז פאר אנדערע אידישע קינדער. איר גאנצע ליבע

און באגייסטערונג פאר קינדער האט זי אין אירע קינדער לידער אריינגעגעבן. זי דרוקט אירע קינדער לידער אין „אמעריקאנעם", „צוקונפט", קינדער ווינקל פון „טאג" און „חבר", „גרינינקעביימעלאך", „קינדערלאנד" פון ארבעטער רינג, „קינדערוועלט", „קינדער זשורנאל". אין די פארשיידענע צייטונגען און זשורנאלן איבער דער אידישער וועלט דרוקט מען איבער די לידער. עס שאפן זיך ביי איר לידער ווי פון זיך אליין, ווי פון זיך ארויסגעזונגען. אירע לידער גייען אריין אין די פארשיידנסטע אידישע לערן ביכער, טעקסט ביכער, כרעסטאמאטיעס. מען שאפט צו זיי מוזיק און זיי ווערן געזונגען אויף די קינדער קאנצערטן, אויף שולן אונטערנעמונגען.

וואונדערבאר איז, וואס זי האט זיך קיינמאל ניט געהאלטן פאר א דיכטערין, קיינמאל ניט שטאלצירט מיט אירע לידער, ניט געווען זיכער צו אירע לידער זיינען גוט; אלעמאל איז זי געצווייפלט. געווען שטארק פארוואונדערט ווען מען דרוקט איבער אירע לידער, ווען מען זאגט וועגן זיי א גוט ווארט. זי האט ליב געהאט אירע קאלעגן שרייבער, נאר זי האט זיי כמעט ניט געקענט, ווייל זי פלעגט כמעט קיינמאל ניט ארויסגיין, ניט געקענט ארויסגיין פון הויז. זי האט אירע קאלעגן געשעטעלט א סך העכער פון זיך און אלעמאל פארגעניגן געהאט פון א גוט ליד פון אימיצן אנדערש, אבער וועגן אירע אייגענע לידער, וועלכע זיינען אזוי באליבט געווארן ביים פאלק, בא די לערער און קינדער, האט זי קיינמאל ניט גערעדט.

א גרויס פרייד איז פאר איר געווען דאס ארויסגעבן דורכן פארלאג צעשינסקי, שיקאגע איר בוך „טייבעלע" אין נאוועמבער 1933, א יאר מיט 8 חדשים פאר איר טויט, און אויך די לויב־געזאנגען פון די רעצענזענטן און קריטיקער פון אמעריקע, ארגענטינע, פוילן און כמעט אין אלע אידישע צייטשריפטן פון אייראפע. דאס איז פאר איר געווען א גליקלאכע איבעראשונג. הייסט עס, אירע לידער זיינען גוט, מען רעכנט זיך מיט איר, מען האט איר אריינגענומען אין דער משפחה פון אידישע דיכטערינס און עס איז געווען פאר וואס צו לעבן, פאר וואס צו ליידן. דר. מוקדונים באגייסטערטער איבערבליק איבערן בוך „טייבעלע" האט איר אזוי געפרירט, אז זי האט אייניקע טעג נאכאנאנד געוויינט פון גליק. דער בוך איז ארויס אין א צייט, ווען זי האט יעדע מינוט, ליגנדיק אין מאנטעפיארע שפיטאל, געווארט אויפן טויט, און האט כמעט מער ניט געקאנט שרייבן. אין גאנצן האט זי פאר די לעצטע צוויי יאר אנגעשריבן אייניקע דערציילונגען, א 6־7 קינדער לידער און א פאר לידער פאר דערוואקסענע. איינע פון אירע לעצטע לידער איז געווען „א פאר שיך":

עס קלאגט דער ווינט, ס'איז קאלט און נאס
און איך קאן היינט ניט גיין אין גאס:
מיין קליין שוועסטערל און איך —
מיר האבן ביידע איין פאר שיך.

עס האט די קליינע היינט אויף גיך
באהאלטן ערגעץ וואו די שיך.
זי האט זיך נאך גערייצט מיט מיר —
האב איך געכאפט זיך שלאגן איר.

נאר איך ווייס ניט ווי דאס איז געשען,
איך האב צום ערשטן מאל דערזען
די קליינע אזוי דין און בלאס...
עס איז מיר גלייך פארביי דער כעס...

עס האט אין הארצן מיר פארקלעמט
און איך האב זיך אזוי פארשעמט...
איך בין אין יענע פאר מינוט
געווארן אויף אן אמת גוט.

דו ווילסט, זאג איך, טו אן די שיך
און נעם זיי אלעמאל פאר זיך,
ווייל איך בין שטארק און קען באשטיין
און בארוועס האב איך ליב צו גיין.

זי קוקט און רירט זיך ניט פון ארט
איך זע — זי גלויבט מיר ניט א ווארט
גיי איך נענטער צו צום בעט
גיב איך קעפעלע א גלעט.

און זאג דאס זעלבע נאך אמאל
נאר מיט א שטילן לייכטן קול:
„דו ווילסט די שיך? טא נעם און טראג
און טו זיי אן א יעדן טאג.

ווייל איך בין שטארק און קען באשטיין
און בארוועס האב איך ליב צו גיין"
איך האב געוואלט איר זאגן מער —
נאר ס'האט פארשטיקט מיין קול א טרער.

רבקה גאלין האט אויך געשאפן פאר דערוואקסענע, נאר מיט דעם האט זי זיך וויניק אפגעגעבן. אזוי האט זי געדרוקט מעשה'לאך אין „פרייע ארבעטער שטימע" און „פארווערטס" און א פאר טעג פאר איר טויט האט זיך געדרוקט אירע א דערציילונג אין „צוקונפט".

אויך האט זי איבערגעלאזט א צאל לידער, ניט פאר קינדער, וועלכע האבן זיך געדרוקט אין דער אנטאלאגיע פון אידישע דיכטערינס, צוקונפט, שיקאגא, אויפקום און אנדערע זשורנאלן. די לידער וועלן אין גיכן ארויס אין א בוך. זי האט נאך געהאט גרויסע ליטערארישע פלענער צו פארווירקלאכן, נאר דער גרויזאמער טויט האט איבערגעריסן איר ארבעט פאר די אידישע קינדער און פאר דער אידישער ליטעראטור.

אין דער וועלט פון מאלעריי

וויליאם שווארץ

צו זיין אויסשטעלונג אין ארט אינסטיטוט

פון די אינדיווידועלע אויסשטעלער, דעם סעזאן, אין ארט אינסטיטוט, פארנעמט וו. שווארץ דעם אנגעזעענסטן פלאץ.

נאך איידער מען גייט אריין אין דעם ערשטן סאלאן אין „פרוזדור" אין אריינגאנג, זעט איר שוין שווארצעס ליטאגראפן, אין וועלכע איר דערפילט שוין דעם מייסטער. סיי מיט זיין אויסגעצייכנטע טעכניק און אייגנארטיקייט, וואס דערמאנט אן קיינעם אויסער שווארץ. נאר איר האט נישט קיין געדולט איר זיינט אנגעשטריינגט צו זען די בארימטע שווארץ־פארבן.

מיר גייען אריין אין דעם ערשטן גרעסטן צימער פון דער גאלעריי, וואס מאכט אויף אונז אן איינדרוק פון א סימפאניע פון קאלירן, וועלכע איז דורכגעוועבט מיט מיסטיציזם און פאעזיע. איר שטייט ווי בארוישט און קענט נישט באשטימען צו וועלכן בילד צוצוגיין צוערשט און שטודירן, ווייל אלץ קומט אויס ווי איין הארמאניע אין גאמען און טענער.

זעלטן ווען דער ארט אינסטיטוט האט ווען עס איז מיטאמאל אויסגעשטעלט פון איין מאלער 48 בילדער; נאך זעלטענער טרעפט, אז יעדעס בילד זאל מאכן דעם זעלבן שטארקן איינדרוק, כאטש יעדעס בילד איז פארשידן, סיי אין טעמע, סיי אין אינהאלט.

אחוץ דעם זעט מען א גרויסע פליסיקייט און פארזוך אויסצושמידן אן אייגענע שפראך, וואס אים איז געלונגען. ער אונטערשיידט זיך פון אנדערע מאלער, דערמיט וואס מען דערקענט גלייך אונטער וועמעס איינפלוס זיי זענען. — בא אים קען מען נישט זען דעם איינפלוס פון אלטע אדער נייע מייסטער; יעדעס בילד וואס ער האט געמאלן איז אן אויסדרוק פון זיין טעמפעראמענט און נשמה.

מיר וועלן אנהויבן פון שווארצעס מאלערייען וואס מען רופט: שטיל־לעבן. א צ ו י ב ע ר פון עקזאטישע פארבן. די פרוכטן מיט זייער זאפטיקייט זענען נישט אונזערע ערדישע פרוכטן, נאר פרוכטן פון גן עדן. די צייטיקע רויטקייט פון די פרוכטן, פילט מען, האבן איינגעזאפט צוזאמען מיט די שטראלן פון דער זון אויך די שעפערישע צויבערקייט פון זיין זשעניע.

אין זיינע לאנדשאפטן פילט מען נישט געגנוי די געאגראפישע פלעצער פון וואנען זיי קומען, נאר דאס געבורט־לאנד פון וואנען זיי שטאמען איז שווארצעס קינסטלערישע נשמה. ער מאלט נישט די אביעקטיווע רעאליטעט, נאר ער גיט צו צו דער פארב סוביעקטיוון געפיל און גייסט. א באזונדער איינדרוק מאכט זיין אינטיריער, מיט דער ליכטיקייט פון די פארבן און מיט דער פיין ארגאניזירטער קאמפאזיציע. כאטש די פיגורן זיינען נאך אלץ אונטער דעם איינפלוס פון שווארצעס מיסטישער אומעטיקייט, מאכן דאך די ווענט אן איינדרוק פון ערדישע פרייליכקייט.

אין יעדן בילד פון שווארצן פאלגן נאך שאטנס פון אומעט, וואס וואקסן ארויס ווי עס ווייזט אויס, פון זיין פריער יוגנט. נאר ווען ער קומט צו זיינע אייגנארטיקע קאלירן, פון וועלכע ער אליין איז פארשכורט, באווירקן זיי אייך אזוי שטארק מיט זייער פרייליכקייט און ווארעמקייט, אז איר ווערט פון זיי אויך פארשכורט.

א באזונדער פלאץ פארנעמען אין זיין אויסשטעלונג די אבסטראקטע סימפאניעס, ווי ער רופט זיי, — וועלכע שווארץ אלס מוזיקער און מאלער־קינסטלער האט געקענט אזוי סינטעטיש דורכפירן און פארפאלקאמען.

צו דעם קינסטלער שווארץ קומען נאך צו זיינע קינדערשע איבערלעבונגען סיי פון פרייד און סיי פון לייד. און לייד איז געווען א נאענטער חבר פון זיין יוגנט. אין זיין קינדהייט האט שווארץ נישט געהאט די מעגלאכקייט, ווי קינדער פון נארמאלע פעלקער, צו האבן שפילצייג, שטיפערייען און פרייליכקייט און די קינדערשע הפקרות וואס גיט זיי פרייד, נאר אין דער געטא, פון די סמארגאנער בלאטעס האט ער געזען די דארע פנימלעך פון זיינע קליינע חברים מיט א שטעמפל פון מעלאנכאליע און פריציזיטיקער אלטקייט...

אבער דאס לעבן, וואס איז פול מיט קאנטראסטן, גיט ארויס פון די געטאס א שעפער, וועלכער בייט איבער זיין פארם פון היימישן לעבן און באקאנט דאך די וועלט מיט זיין הייטאט.

די פארם פון שווארצעס בילדער, פון פויערים לעבן, און פון קליינע שטעטלאך, איז פארשידן פון דעם אמעריקאנעם גויאישן מאלער, בענטאן. בא שווארצן זענען די פויערים שטימונגספולע מענטשן, פול מיט מעלאנכאליע און חכמה, בעת בא אמעריקאנעם מאלער, בענטאן, זענען זיי פשוטע, מידע הארעפאשניקעס.

די שאטנס פון דער יוגנט גייען נאך דעם קינסטלער זיין גאנץ לעבן. אלע איינדרוקן, אלע דערפארונגען און געשעענישן פון זיין סביבה ווערן א טייל פון אים, אפילו זיין פליסיקייט איז געווען פאראורזאכט פון מאנגל און נויט. דער „מוזן" זיין דער בעסטער אין שולע, ווי ער און זיין חבר סוטין, מיט וועמען ער האט שטודירט אין איין שולע, — אין ווילנע, צו קריגן א פרייע סקאלערשיפ — גייט אים נאך אין די שפעטערדיקע צייטן אפילו ווען ער דארף עס שוין נישט, זייענדיק אליין שוין אן אינסטראקטער אין א קונסט אקאדעמיע אין אמעריקע.

ס'איז נישט לייכט צו דעפינירן אין שווארצעס שאפן זיין קינסטלערישע אידישקייט. שווער פעסט צו שטעלן דורך זיין קונסט זיין אפשטאם, זיין פאטערלאנד און טראדיציע.

זיין קונסט איז די קונסט פון א וואנדערער, וואס זאפט איין אלץ און שאפט עס דערנאך איבער אף זיין אייגנארטיקן שטייגער.

און דאך שוועבט איבער אים דער אויסדרוק פון זיין ראסע און אנטשיידעט דעם גאנצן עמאציאנעלן לעבן פון קינסטלער וואס שאפט מיט זיין פענזל.

דוד בעקער

וועגן דעם מאלער־סקולפטאר קארלי פולאפ

אין אונזערע טעג, ווען סאציאלער קאנפליקט צווישן ארבעטער־קלאס און קאפיטאליסטישן־קלאס פילט אן יעדן ווינקל פון לעבן מיט פאבריקן, דראמאטישן קאמף, און אלטע איינגעפונדעוועטע באגריפן וועגן „אמת" און „יושר" ווערן מיטן ווארצל אויסגעריסן, ווען פאר אונזערע אויגן בייטן זיך די יארהונדערטער אנגענומענע באגריפן וועגן דער באציאונג פון מענטש צו מענטש. זענען נאך פונדעסטוועגן פאראנען פיל קינסטלער, וואס דענקען, אז דער „עסענץ" פון לעבן איז דערזעלבער איצט אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארהונדערטער. אין די פריערדיקע דורות האט דער מענטש

געשטרעבט צו גליק, צו דערהויבונג און „הארמאניע״. אויך איצט איז דער עצם יאגעניש פון דעם אינדיווידי־אום, פארן ביסעלע גליק. אויך אין אונזערע טעג, קלע־טערט די מענטשהייט דורך פיינלעכער אנשטרענגונג צו העכערע שטאנדארטן פון סאציאלער גערעכטיקייט און במילא צו „הארמאניע״, נאר דער „לבוש״ בייט זיך. די פארם אנצוקליידן דעם „עסענץ״ שאפט יעדער דור אין זיין אייגן געשטאלט, און פאסט זי צו צו זיינע באדערפנישן.

אט דער טיפ קינסטלער קוקט זיך זעלטן ארום אפן ברוויזנדיקן לעבן ארום אים. ער זוכט נאר זיינע טעמעס אין די פארגאנגענע צייטן. ס'קאן זיין דערפאר וואס דער אמת פון א פארגאנגענעם יארהונדערט איז שוין אויס־געקריסטאליזירט, דער וויין אפגעטיילט פון די הייוון. דעריבער קאן זיין קינסטלערישער כח האבן א נענטערע באהעפטונג, מיטן מאטעריאל וואס ער באהאנדלט. און אזוי ארום זיך אנטפלעקן טיפער און אלזייטיקער.

עס קאן אבער אויך זיין אז די אורזאך איז וואס דער סארט קינסטלער וויל ניט באהאנדלען קיין מאטעריאל וואס ענטהאלט קאנפליקטן וועלכע האבן צו טאן מיטן טעגלעכן קאמף פון די אונטערדריקטע.

אין טייל איז עס דערפאר, ווייל דער קינסטלער איז בעאיינפלוסט פון דער רעאקציאנערער אידייע, אז קונסט דארף ניט אפשפיגלען ס'לעבן ארום. אין אנדערע פאלן איז עס דערפאר, וואס דער קינסטלער וויל זיך ניט איינ־רייסן מיט די מאכטהאבער. מיט די געלט זעק, וואס זענען בכח צו באצאלן פאר קונסט שאפונגען.

צו דער קאטעגאריע קינסטלער געהערט דער מאלער־סקולפטאר קאראלי פולאפ. אין זיינע עטלעכע אויסשטע־לונגען אין איניקע גאלעריעס אין לאס אנזשעלעס, זענען כמעט אלע זיינע בילדער, בארעליעפן און אקווארעלן, באזירט אף רעליגיעז־פילאזאפישע טעמעס.

אין עטלעכע ווארייאנטן, באהאנדלט ער דעם געדאנק, אז דער מענטש איז פארוועבט אין א נעץ פון זינד, וואס לויערן אף אים שטענדיק. ער ראנגלט זיך מיט די שטרויכלונגען און ער דערגרייכט דערהויבונג אויף די וועגן פון רעליגיע.

נאטירלעך קומט דער קאמף ניט פאר אין א רעא־ליסטישע סביבה, נאר אין א סימבאלישער. דער מענטש קעמפט ניט קעגן א פאזיטיוון שטן, נאר גיכער קעגן אייגענער באגרעניצטקייט פון „חומר״.

דער געדאנק ווערט בולט ארויסגעבראכט אין דעם בילד, וואו דער קינסטלער האט אוועקגעשטעלט א צאל פיגורן אין א גלייכע שורה. אקסלען און קעפ געבויגן. א רמז אפן קאמף מיט די שטרויכלונגען אין לעבן. זייערע בליקן זענען געווענדט ארויף, וואו עס זיצט א פיגור וועלכע איז דורכגעשטראלט מיט קדושה, דער סימבאל פון ריינקייט און פערפעקציע. יעדע פערזאן פון דער פיגורן־קייט ציט צום צענטער, פון וואנענט עס שטראמט מיט זיכערקייט, גלויבן און קלארקייט.

אין זיינע האלץ סקולפטורן, אין עטלעכע ווארייאנטן אף דער טעמע „מאדאנע און קינד״ לעבט די מוטער נאר דורך, און צוליבן קינד. איר „איך״ פרובירט זיך אויפלייזן אין דעם נייעם לעבן, און אזוי ארום ווערט איר אייגן לעבן רייכער, ברייטער, פולער. דעם קינסט־לערס בליק איז א מין חסיד'שער „בטל היש״, א זעלבסט פארניינונג. א דראנג זיך אנצושליסן אן דעם קאלעק־טיוו. די פילזייטיקע און פאלקאמערע פערזענלעכקייט. ארייפאסן די אינטערעסן פון „יחיד״ אין די שטרעבונ־גען פון „כלל״. כדי צוריק צוקומען צום ערשטן „מקור״ פון וואנען עס שטראמט מיט ווארהאפטיקייט און גליקזעליקייט, די פאליוסן פון „הארמאניע״.

קאראלי פולאפ'ס טעמעס זענען שווערע, פון וועלט פארנעם, פון געראנגל און זיג. דעריבער איז נאטירלעך אז זיינע ליניעס זאלן ניט זיין לייכט, פארטושירט. זיין צייכנונגען ניט פראגמענטאריש. זענען טאקע זיינע ליניעס שטרענג און שארף. זיין דעזיין ארכיטעקטאניש. מאטיוון און זיכער. כדי צו זיין בכח איינצוהאלטן אין די ראנדן, דעם פיין פון דורות, די קראפט פון די ווידערגעבורט־ווייען פון דער מענטשהייט. די שטרענגע דיסציפלין פון זיין צייכנונגען, שאפט טיילווייז א שטייפקייט און אנגע־צויגנקייט אין זיינע בילדער. דאס ווערט אבער אפגע־שוואכט דורך די בונטע רייצנדיקע פארבן, וואס פילן אן די קאנטור פון זיינע אביעקטן.

זיינע בילדער און בארעליעפן, זענען באם ערשטן אנבליק רעטעניש. שווער דורכצודרינגען די שטרענגע ליניעס, און באנעמען די געדאנקען וואס דער קינסטלער האט דארט ארייננעוועבט. שווער דורכצוזייסן דעם שלייער פון חלומות, וואס זיינע פיגורן טרוימען אויס. די ווערק באצווינגען אבער דעם בעאבאכטער, דורכן כח פון זייער שטאנדהאפטיקער קאמפאזיציע. דורך דער ברי־ליאנטקייט פון זייערע פארבן און דורך זייער פאזיטיוון טאן. וואס מער מ'פארטיפט זיך אין זיי אלץ באריידעוור־דיקער ווערן די ווערק.

לויט זיין טעמע אויסוואל, וואלטן זיינע פארבן געדארפט באשטיין פון סומנע, בלאסע, טונקעלע קאלירן. איז אבער דאס נאר דער פאל אין איינס פון זיינע ביל־דער, וועלכן ער האט געמאלן אין זילבער און מאטן גאלד, בלאסן בלוי און גרוי. דער צוזאמענשטעל פון די קיהלע טענער שאפט א שטילע הארמאניע. ס'דאכט זיך ווי אן אלטער נזיר פירט אייך דורך טונקעלע לאבירינטן, צו א פארבארגן ליכט.

אויב דער בעאבאכטער פון קאראלי פולאפס בילדער פילט די דומפיקייט פון רעליגיעזן שטויב, אויב אויף די פליגלען פון זיין פאנטאזיע, שוועבן ארויס שרעקנס ביל־דער פון מיטלאלטערלאכן „אויטא־דע־פע״ און דער שוידער פון די „קרייץ־צוגע״ פרירן די הארץ־ווארצלען אפן קאפ, ווערט ער אבער קאמפענסירט דורך די בונטע ברילאנטענע פארבן אין די בילדער.

זיינע פארבן טיילט ער איין אין א באשטימטער פראפארציע. צום ביישפיל: א טייל פון בילד באשטייט פון לאכנדיק רייצנדיק רויט און אראנדזש, א צווייטער טייל פון כמורנע, שטילע, אמבערס און ברוין. ס'ווייזט אויס אז דורך זיינע פארבן פאנאנדערטיילונג זוכט קא־ראלי פולאפ דורכצופירן דעם רעליגיעזן געדאנק, אז ס'איז ניטא קיין שלעכטס אן גוטס. אז ליכט און שאטן זענען אטריבוטן פון זעלבן „מהות״.

זיינע פארבן זענען דורכגעשטראלט מיט ליכטיקייט. שווער צו געפינען אין זיינע בילדער א קאליר מאסע, וואס איז ניט דורכגעפינטלט, דורכגעשפרינקלט מיט פארבן שימער. אלץ בא אים איז דורכגעוועבערט, פאר־רוחניות'דיקט.

מ'פילט, אז דער קינסטלער האט געשעפט פון די רייכע קוואלן פון דער „ביזאנטישער קונסט עפאכע״, וועלכע האט געווירשנט די ליבע צו פארבן פון אריענט. די קראפט צו אידעאליזירן פון די גריכן, און דעם חוש פאר ארכיטעקטאנישע קאמפאזיציע פון די רוימער.

י. ראשעל, לאס אנזשעלעס. קאל.

באלעבאטישער אדער פראלעטארישער טעאטער?

וואס וועט זיין מיטן אידישן טעאטער? דער אידי־שער טעאטער שטארבט אפ, גייט אויס, איז שוין אויס־געגאנגען. דער לעצטער אפאסטל און כהן גדול פון אידישן קונסט טעאטער, מאריס שווארץ האט זיך אוועק־געלאזן אף א מאוווי אוואנטורע און איז צוריק געקומען אויסגעלעדיקט, אי פון די מאוווי, אי פונם גלויבן אין אידישן טעאטער. בולאוו, דער וואס האט אריינגעבראכט א נייע ווארט אין אידישן טעאטער, איז אוועק קיין ארגענטינע, נישט ווייל אים איז אויסגעגאנגען די וויזע, נאר ווייל דעם אידישן טעאטער איז אויסגע־גאנגען די נשמה. בן־עמי בלאנקעט זיך ארום אין דער פראווינץ מיט זייער א שוואכן גלויבן אין דער צוקונפט פון אידישן טעאטער אין די איבעריקע ווי די זאצ'עס, מיכאלעסקא'ס, לעבעדעוו'ס, וועלן מין הסתם שפילן בורלעסק פון ערגסטן סארט, און וועלן זיין ניטש אידיש און נישט קיין טעאטער און וועלן זיך פארמאכן ווי לעצטעס יאר אידער דער סעזאן וועט זיך ענדיקן. און סאיז אפילו נישטא ווער עס זאל באוויינען דאס אפשטאר־בען פון אידישן טעאטער, ווייל די אידישע בורזשואזיע אין אלע לענדער האבן אים נישט געקענט אפילו אין עכטן פעריאד פון זיין בליאונג, האבן אפילו נישט גע־וואוסט זיין אדרעס. און דעם אידישן ארבעטער און פאלקס מענטש האט דער טעאטער גאר נישט געגעבן. אים לוינט זיך אודאי נישט צו וויינען און באדויערן זיין אפשטארבן.

איז פאר וואסזשע שטארבט דער אידישער טעאטער? אידישע שרייבער און באלעבאטישע צייטונגען, וועלכע זיינען געוואוינט פון יעדער זאך צו מאכן א אידישן ענין, האלטן אין איין באטאנען, אז אידישקייט גייט אונטער, אז אידישע קולטור האט נישט קיין צוקונפט אין אמעריקע. און דער ערשטער שטארבט אפ דער טעא־טער גליך.

לאזן מיר דא דעם אידיש באלעבאטישן שרייבער מיט זיין גלויבן און מיט זיין אידישע שרעק, און מיר וועלן דערמאנען, אז די אידישע ארבעטער לייענען יא אידישע ביכער און אז די אידישע פראלעטארישע פרעסע איז זיך דוקא יא צעוואקסן אין די לעצטע יארן. און אז דער ארטעף אין נויארק איז זיך דוקא צעוואקסן אין דעם לעצטן יאר און איז געווען דער איינציקער אידישער טעאטער וועלכער האט מיט דערפאלג פארענדיקט דעם סעזאן און האט שוין אנגעשטעלט נאך א רעזשיסאר און גרייט זיך קומענדיקן סעזאן צו שפילן יעדן טאג.

דאס איז דערפאר, ווייל דער ארטעף איז נישט קיין פריוואטע ביזנעס אונטערנעמונג, נאר א געזעלשאפט־לאכע אינסטיטוציע, וועלכע האט באוויזן צו אנטוויקלען א טעאטער אדיטאריע מיט א שטענדיקן באזוכער. און דאס וויכטיקסטע, ווייל דער ארטעף האט אין טעאטער געגעבן דאס לעבן פון ארבעטער און פאלקס מענטש, זיין קאמף, זיינע ליידן, זיינע פריידן און זיין זיג. אין דער צייט ווען דער אידישער באלעבאטישער טעאטער דירעקטאר איז געזעסן און געקלערט וואס וועט „אנ־רייסן״ אין זיין טעאטער, האט מען אין ארטעף באט־טראכט און באשטימט וואס איז גוט און וואס איז טאקע גאנץ שלעכט פארן פראלעטארישן באזוכער, און נישט בלויז אליין געקלערט און געשטימט, נאר גע־פאדערט פון טעאטער באזוכער ער זאל אויך טראכטן און שטימען איבער יעדער פיעסע. מען האט גערופן א סימפאזיום פארן שפילן און נאכן שפילן, און דער צושויער איז געווארן דער אקטיווער איינטיילנעמער אין דער פיעסע צוגלייך מיטן אקטיאר.

האט זיך אזוי ארום אנטוויקלט א טעאטער באזוכער, וועלכער איז פאראינטערעסירט אין זיין טעאטער, אין פראלעטאריש־רעוואלוציאנערן טעאטער.

און עס איז ווייט נישט קיין אידישער ענין. דאס זעלביקע, וואס קומט פאר אין אידישן באלעבאטישן טעאטער, קומט אויך פאר אין ענגלישן באלעבאטישן טעאטער. אויך דארט פוסטעוועט דער טעאטער און מענערזשערס קלאגן זיך, אז עס גייט אונטער, און עס גייט טאקע אונטער.

אין דער טעאטער אינדוסטריע קומט איצט פאר דאס זעלביקע וואס איז שוין פארגעקומען אין אנדערע אינ־דוסטריען — אינדוסטריאליזאציע און ראציאנאליזאציע. פראדוצירן אף א גרויסן מאסשטאב, אף א ברייטן פאר־נעם, שאפן טעאטער נישט בלויז פאר איין שטאט, נאר פארן גאנצן לאנד, פאר אלע לענדער אויסברייטערן זיך. און די וויסנשאפט ווי אנדערע אינדוסטריען העלפט ארויס. גייט פאראויס און באלייכט דעם וועג. דארף מען מאכן איין פארשטעלונג פאר איין שטאט, אז מען קען זי מאכן פאר די גאנצע וועלט בעסער, שענער און אודאי ביליגער.

אויס מיט דער האנטווערקעריי אין טעאטער, ווועלט אינדוסטרי און טעאטער. און די פראדוקציע דערלויבט שוין דא צו פארקויפן סחורה ביליקער. פאר 15 אדער 20 סענט קענט איר זען פרידריך מארש, די בארימארס, טשארלס לעפטאן און וועמען נישט? דער צושויער זעט און הערט דא ווי אין עכטן טעאטער, נאך בעסער ווי אין עכטן טעאטער. קליניקייטן ווערן דא אין די מאוווים גרויס, ווערן באלויכטן מיט א מאוווי פראזשעקטער, און דער צושויער האט דא א געלעגנהייט צו זען יעדע קלייניקייט און אזוי גרויס און רייך.

איז ווער און צוליב וואס דארפן מיר האבן דעם לעבעדיקן טעאטער?

דעם לעבעדיקן טעאטער דארפן מיר צוליב דעם, ווייל די מאוווי אינדוסטריע אין די קאפיטאליסטישע לענדער איז א טייל פון אגיטאציע אפאראט. איז אדער מען שפילט דארט מאווים, וועלכע זיינען דירעקטע אגי־טאציע פאר'ן קאפיטאליזם, אדער אומדירעקטע, דאס הייסט מאווים, וועלכע דינען ווי אפיום איינצושלעפערן

דעם צושויער. סאציאלע פראבלעמען זיינען בכלל זייער זעלטענע געסט אין די מואווים פון די קאפיטאליסטישע לענדער. און גיט מען שוין סאציאלע פראבלעמען, גיט מען זיי אזוי, אז זיי זאלן צופרידן שטעלן דעם קאפיטא־ליזם. דאס האבן באוויזן „אימיטיישאן אף לייף“, „בלעק פיורי“ און אפילו „לע סיזעראבל“, ווי די קירך שפילט דארט די נאבעלע ראלע, און העלפט דעם ארעמען וואנדערער און גיט און פארניט.

די קינסטלער אינדיווידיאומען, וועלכע ציען זיך צו גרויסע פארדינסטן ווי שמעטערלינגן צו ליכט, נעמען אן אלץ, וואס גרויס קאפיטאל באשטימט פאר זיי אפן קינסטלערישן געביט. און שטעלן צו פאר אונז מואווי באזונדער טאקע אין א קינסטלערישער פארם די אידייען פון קאפיטאליזם פארן קאפיטאליזם.

די טעמע און דער אויספיר ווי א ארעמע מיידל האט חתונה מיט א מיליאנער און א ארעמער בחור ווערט א גרויסער מאווי „עקטער“ און אן ארעמע קינד ווערט אדאפטירט פון א רייכע „לידי“ איז א זייער אפטער גאסט אין די מואווים און וועט נאך בלייבן אפן לייוונט ווי לאנג קאפיטאליזם וועט עקזיסטירן.

דער ארבעטער, וועלכער וויל זען דאס לעבן אן „פראקן, סטאוו פייפס און איווינינג גאונס“, דאס לעבן פון ארבעטער און פאלקס מענטש אין היינטיקן קריזיס פעריאד, קען אין די מואווים נישט אריינטרעטן.

דער וועלכער וויל זען דאס היינטיקע לעבן ווי עס איז, אפילו אן א רעוואלוציאנערער טענדענץ וועט עס אין די מואווים נישט געפינען.

צוליב דעם דארפן מיר דעם רעוואלוציאנערן לעבע־דיקן טעאטער, און דערפאר לעבט און וואקסט דער רע־וואלוציאנערער טעאטער, אין דער צייט ווען בירגערלאכע טעאטערס קלאגן זיך, אז דער טעאטער גייט אונטער. און וועלן די בירגערלאכע טעאטערס זיך נעמען צו פאלקס שפילן און פיעסן פון ארבעטער לעבן, וועלן זיי אויס־וואקסן מאראליש און פינאנציעל. און וואלטן די מואווים זיך גענומען כאטש טיילווייז צו רעוואלוציא־נערע און פראלעטארישע שפיל וואלט דער רעוואלוצ־יאנערער טעאטער אויך שטארק געליטן.

אין אלגעמיין איז די פראגע פון פראלעטארישן טעאטער נישט מער קיין דיסקוסיע פראגע „צו דארפן מיר אדער צו איז פאראן אזעלכעס ווי פראלעטארישע קונסט בכלל און פראלעטאריש טעאטער בפרט?“ די פראגע איז שוין איצט א ריין פראקטישע, ווי צו פאר־ווירקלאכן און איינארדענען דעם פראלעטארישן טעאטער ער זאל דינען וואס בעסער און קינסטלערישער די ברייטע מאסן.

ווען די רויטע ארמיי פון סאוועטן פארבאנד האט מארשירט קיין פוילן, האט צוזאמען מיט קוילן, ביקסן, פוליעמיאטן און גאז מאסקעס אויך נעפירט טעאטער, און אין סאמע רעכטן ברען פון שלאכט, ווען פון איין זייט שטאט האבן נאך געסווישטשעט די קוילן, מאשין ביקסן און האנט־גראנאטן האט מען פון דער צווייטער זייט שטאט געשפילט רעוואלוציאנערן טעאטער. ווען די געהרגעטע זיינען נאך געלעגן אין מיטן שטאט, האט מען שוין הינטערן שטאט פארגעשטעלט א בילד פון פאר־שיקטע אין סיביר, וועלכע זינגען אויס זייער בענקשאפט א היים צום צענטער וואו זיי האבן איבערגעלאזן זייערע נאנטע.

די סאוועט רעגירונג האט אבגעשאצט דעם איינפלוס פון טעאטער אף די ברייטע מאסן און שפעטער ווען דער סאוועטן פארבאנד איז פטור געווארן פון מלחמה און בירגער קריג האט דער טעאטער פארנומען איינס פון די וויכטיקסטע קולטור פאזיציעס, די סאוועטן מאכט גיט אויס די גרעסטע סומען געלד פאר טעאטער. אין קיין לאנד אין דער וועלט ווערן נישט געמאכט אזויפיל טעאטער עקספערימענטן ווי אין סאוועטן פארבאנד.

רעדנדיק לאקאל וועגן טעאטער זעען מיר, אז שיקאגע איז שוין צוויי יאר אן אידיש טעאטער און וועט שוין אזוי גיך קיין אידיש טעאטער נישט שאפן. די „שאפער“ פון אידישן טעאטער זיינען נישט פאר־אינטערעסירט צו בויען א טעאטער, וואס זאל אפשפיגלען דעם לעבן פון היינט. אלץ וואס איז געגעבן געווארן אף די אידישע בינע אין שיקאגע האט געשמעקט מיט שימל פון פופציק יאר צוריק. און אויב מען האט שוין געגעבן עפעס פון היינטיקן לעבן, איז עס געווען בורלעסק, וואָ־דעוויל, געטרימט מיט א שפאר ביסל פארנאגראפיע. לעבעדעוו, מיכאלעסקא און נאטאנזאן זיינען געווען די ליפעראנטן פון אט דעם מאטעריאל און דער עולם אין אידישן טעטשער איז געווארן אלץ קלענער און קלענער, ווייל וואדעוויל און בורלעסק גיט מען אויך אין די מואווים בעסער און ביליגע, און ווען דער עולם פון לעבעדיקן טעאטער איז אוועק און דער טעאטער איז געווארן ליידיק, האט די מואווי פארנומען די בינע, ווי דער פאל איז געווען מיט גליקמאנס פאלאס און מיט דעם לאנדייל טעאטער.

פאר די אידישע ארבעטער און פאלקס מאסן אין שיקאגע שטייט איצט די אויפגאבע צו שאפן אף דאס ניי א פראלעטארישן פאלקס טעאטער, א טעאטער, וועלכער זאל אפשפיגלען דאס לעבן פון ארבעטער און ברייטע פאלקס מאסן, א טעאטער אפן מוסטער פון ניו יארקער ארטעף.

אן אנהויב איז שוין געמאכט געווארן פון שיקא־גער ארטעס. דער שיקאגער ארטעס, מיט חבר בן ציון גארדאן אלס רעזשיסאר האבן זיך גענומען די אויפגאבע קומענדיקן סעזאן צו שפילן יעדע וואך. די פארשטע־לונגען וועלן פארקומען אין פיפלס אדיטאריום.

פאר די ערשטע פארשטעלונג ווערט געשטעלט „ריסטאקראטן“ פון שלום עליכם. דראמאטיזירט פון פ. אראנעס. קאמעדיע אין 9 בילדער. אין רעפערטואר זיינען צוגעגרייט נאך 2 פיעסן פון היינטיקן אמעריקאנער לעבן.

אלע ארבעטער און פריינט פון א פראלעטארישן טעאטער דארפן שטיצן די ארטעס אונטערנעמונג.

ב. ראזענבוים.

א. ה. שקאַלניק

אַפאָריזמען

פילאזאפיע איז דער טיפסטער בליק פון געדאנק; פאעזיע — דער פארביקסטער אויסדרוק פון באגייסטע־רונג; קריטיק — דער שארפסטער אנאליז פון שכל און הומאר — דער הימלאכסטער שמייכל פון לעבן.

פילאזאפיע שעמט זיך צו חבר'ן מיט סאפיזם און מיסטיציזם, זי געפינט זיך אבער דאך אפט אויפן זעלבן טראקט פון פאהדרייטע, פאר'כשופ'טע קרייזן און קען זיך מיט זיכערקייט אויפ'ן באדן ניט אפשטעלן, אט ווי די וויסנשאפט.

וויסנשאפט פארשט נאך די באהאלטענע כוחות און פארבארגענע אייגנשאפטן פון דער נאטור; פילאזאפיע זוכט נאך זייער געמיינשאפטלאכן צוזאמענהאנג און דעם צוועקמעסיקן זין פון זיי; רעליגיע שטייט זארגלאז־נא־איוו און פרימיטיוו, ווי א שוואך קינד, וואס די מוטער לאזט ניט דרייען דאס קעפל.

דער געלערנטער בארופט זיך אויף דער וויסנשאפט — אויף די פעסטגעשטעלטע נאטור־געזעצן, אויף עקס־פערימענטן און פאקטן.

דער געלערנטער איז באגלויבט מיט דער וויסנ־שאפט; די וויסנשאפט — מיט פאקטן.

די וויסנשאפט איז דער באדן פון יעדן דיינקער און ווען ער דערלויבט זיך אמאל די וויסנשאפט ארי־בערצושפרייזן, מוז ער, אלס דיינקער, צו איר צוריקקערן.

די פילאזאפישע וויסנשאפט איז דער גייסטיקער טייל פון דער אלגעמיינער וויסנשאפט; די נאטור־וויסנ־שאפט איז דער פראקטישער טייל.

פאנטאזיע שוועבט העכער; געפיל דרינגט טיפער.

פאנטאזיע שוועבט צווישן געפיל און פארשטאנד.

וואונטש איז דער מאטאר; פאנטאזיע — דער מאסט־בוים און שכל — דער קאפיטאן.

א פאנטאזיאר איז א טרוימער מיט אפענע אויגן.

פאנטאזיעס זיינען וואכנדע חלומות; חלומות — שלאפנדע פאנטאזיעס.

פאנטאזיעס זיינען חלומות פון לעבן, וואס טראגן אין זיך די שפורן פון רעאליטעט.

אלץ וואס ווערט געשאפן מיט דעם מענטשלאכן פארשטאנד, ווערט צוערשט באריירט מיט דער מענטש־לאכער פאנטאזיע.

פאנטאזיע איז די שוועסטער פון האפנונג.

פאנטאזיע אן האפנונג — איז ווי א פויגל אן פליגלען.

נאָטיצן

ווי עס ווייזט אויס וועלן מיר פארט האבן א שטענ־דיקן אידישן טעאטער אין שיקאגא. ווי מען גיט אונז איבער ווערן איצט אנגעפירט אונטערריידונגען צווישן דעם באקאנטן אידישן קינסטלער יעקב בן־עמי און די פירער פון דער ליטעראריש־דראמאטישער געזעלשאפט. די אונטערריידונגען, גלויבט מען, וועלן זיך ענדיקן מיט א באשלוס צו האבן אין שיקאגא א שטיקל פלאץ פאר דער אמת'ער ריינער אידישער דראמע.

די גאסט־פארשטעלונגען פון יעקב בן־עמי, בערטא גערסטן און אברהם טייטעלבוים לעצטן יאר, וועלכע זיינען געקרוינט געווארן מיט דערפאלג, איבערציגן אונז, אז יעקב בן־עמי איז די פאסנדסטע פערזאן צו שליסן דעם שידוך מיט דער שיקאגא'ר ליטעראריש־דראמאטי־שער געזעלשאפט.

זלמן זילבערצווייג, דער באקאנטער שריפטשטעלער און צוזאמענשטעלער פון טעאטער־לעקסיקאן, האט ביי אונז אין שיקאגא פארבראכט עטלאכע וואכן צייט אין די אינטערעסן פון זיין לעקסיקאן. זיין קומען צו אונז איז אלעמאל צום הארצן. דורך דער צייט פון זיינע לעצטע עטלאכע וויזיטן האט ער זיך געשאפן א צאל פריינט.

פון שיקאגא איז ער אפגעפארן נאך קענעדע. ער וועט זיך צוריקקערן צו אונז דעם 22־טן סעפטעמבער. די קולטור־קרייזן פלאנעווען פאר אים אן אפיציעלן קבלת־פנים.

אין קומענדיקן נומער וועלן מיר אנפאנגען דרוקן די אריגינעלע איבערזעצונג פון שעקספיר'ס „קעניג ליר“. די איבערזעצונג איז געמאכט געווארן פון אונזער מיטארבעטער, דעם באקאנטן פאעט און איבערזעצער, דר. א. אייסען.

אונזער טאלאנטירטער מיטארבעטער אליהו שולמאן געפינט זיך איצט אין ווילנע, וואוהין ער איז געפארן נאכדעם ווי דער אידישער וויסנשאפטלאכער אינסטיטוט האט אים באוויליגט א סטיפענדיע צו טאן וויסנשאפט־לאכע ארבעט. ער וועט פארבלייבן אין ווילנע צען חדשים צייט.

דער אינטערעסאַנטער אַרטיקל פון אונזער חשוב'ן מיטאַרבעטער ש. ד. זינגער, וועלכן מיר דרוקן אין דעם נומער איז געשריבן געוואָרן ווי א פירוואָרט צו דער דראַמע „וואָן דע ליובע", פון קלמן הייזלער, וועלכע וועט דערשיינען אינגיכן אין נויאָרק.

זינגער'ס פירוואָרט איז אויסערגעוויינלאַך אינטערע־סאַנט און מיר וואָלטן שוין וועלן זען קלמן הייזלער'ס ווערק.

מיר גרייטן זיך שוין מיט אונזער גרויסן יובילײ־נומער, לכבוד זעכס יאָר „שיקאַגאָ". מיר האָבן אָנפאַנגס געפּלאַנעוועט א זאַמל־בוך, און זיינען נאָך עטלאַכע באַ־ראַטונגען געקומען צום באַשלוס, אז א פאַרגרעסערטער נומער מיט שטריינג־געקליבענעם מאַטעריאַל וועט טראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער ווי א זאַמל־בוך.

מיר האָפן צו האָבן צווישן 200 און 250 זייטן.

זאָלן דאָס אונזערע מיטאַרבעטער און די אַנדערע, וועלכע זיינען פאַראינטערעסירט אין אונזער אַרבעט, נעמען אין אַנבאַטראַכט און צואײַלן זיך מיט'ן צושיקן פון זייער מאַטעריאַל.

מיר האָפן צו האָבן דעם גרויסן נומער פאַרטיק, ארום יאַנואַר אָדער פעברואַר חודש.

אין קאָנגרעס האָטעל, אין פלאָרענטײַן צימער, וועט זיך אָנפאַנגען דעם ערשטן סעפטעמבער אַ אויסשטעלונג פון מאָלערייען און ראַדירונגען פון דעם באַקאַנטן קינסטלער דוד בעקער. איינגעאָרדנט פון די „אַלל אַליי־נאַיז סאָסייעטי אָף אַרטס".

דוד בעקער'ס בילדער זענען אַלע דורכגעוועבט מיט אידישן פּאַטאָס און הומאָר.

הערמאַן בערנשטיין, באַקאַנטער אידיש - ענגלישער זשורנאַליסט און געוועזענער אַמעריקאַנער געזאַנדטער אין אַלבאַניען, איז דעם 31־טען אויגוסט געשטאָרבן פון א האַרץ קראַנקהייט, אין זיין זומער היים, אין שעפּילד, מאַסס.

ער איז געווען 59 יאָר אַלט. דער פאַרשטאָרבענער איז געבוירן געוואָרן אין ניישטאַט־שערווינט, ליטאַ און האָט שטודירט אין אייראָפּע און אַמעריקע, וואוהין ער איז געקומען אין יאָר 1893. אין 1902 איז ער געוואָרן דער אייראָפּיאַישער קאָרעספּאָנדענט פון די „נויאָרקער טיימס". אין 1900 האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין באַזוך ביי גראַף לעוו טאָלסטאָי אין יאַסנאַיאַ פּאָ־ליאַנאַ, און זיין אינטערוויו מיט טאָלסטאָי'ן האָט ארויס־גערופן גרויס אינטערעס..

אין 1913 איז בערנשטיין געווען איינער פון די גרינדער פון אַמעריקאַנעם אידישן קאָנגרעס און א יאָר שפּעטער איז ער געוואָרן רעדאַקטאָר פון „אַמעריקען היברו".

אין 1917 איז ער געפאָרן קיין רוסלאַנד אלס קאָ־רעספּאָנדענט פון „נויאָרק העראַלד" און זיין פאַרעפנט־לאַכן פון די „ניקי־ווילי" בריף צווישן צאַר ניקאָלאַי און קייזער ווילהעלם'ן האָט פאַראורזאַכט א סענזאַציע.

אין 1923 האָט בערנשטיין זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין ליבל־פּראָצעס קעגן הענרי פאָרד'ן.

בערנשטיין איז אויך געווען דער גרינדער פון דער גרויסער נויאָרקער אידישער צייטונג, „דער טאָג", פון וועלכער ער איז א צייט געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר.

עס איז אַרויס אין דרוק דאָס בוך „די פינף מגילות" אין דער איבערזעצונג פון דעם דיכטער נפתלי גראָס. דאָס בוך ווערט געזעצט אין אן איינגאַרטיקער שיינער שריפט און וועט געדרוקט ווערן אין א גרויסן חומש־פאָרמאַט.

„די פינף מגילות" ווערן אַרויסגעגעבן פון א קאָמי־טעט שרייבער און קולטור טוער, מיט דעם באַרימטן ליטעראַטור־קריטיקער ש. ניגער, אלס פאַרזיצער און פ. געליבטער, בילדונגס דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג, אלס סעקרעטאַר.

אין גיכן וועט אַרויס פון דרוק א בוך „מעשות" פון דעם דיכטער נפתלי גראָס. טייל מעשות זענען געווען געדרוקט אין פאַרשידענע זשורנאַלן. דאָס בוך וועט קענען באַנוצט ווערן אין די אידישע, מאָדערנע קינדער שולן, הגם עס איז נישט נאָר א בוך פאַר קינדער, די מעשות זענען געבויט לויט דעם שטייגער פון אידישע פאָלקס־מעשות.

דאָס בוך וועט זיין רייך אילוסטרירט פון דעם באַ־רימטן סקולפּטאָר חיים גראָס, דעם דיכטער'ס א ברודער.

אין צעשינסקי'ס פאַרלאַג דרוקט זיך איצט א בוך קינדער מעשה'לאַך „פון ווייטע וועלט טיילען", פון ס. באַרענשטיין. דאָס בוך וועט האָבן 40 אילוסטראַציעס, אינטערעסאַנטע בילדער, גענומען אויף די פּאַסיפישע אינזלען, אויסטראַליע, אַפריקע און אַנדערע לענדער.

ס. באַרענשטיין איז באַקאַנט שוין פון יאָרן לאַנג, אלס „דער פּוסגייער" ארום דער וועלט און אירע נאַטור וואונדער. זיין ערשט בוך הייסט טאַקע „די וועלט און אירע נאַטור־וואונדער", געדרוקט אין לאָנדאָן אין 1931.

באַרענשטיין'ס זעלטענע קאָלעקציע פון נאַטור אַנ־טיקווארן וואָס ער אַליין האָט געזאַמלט אויף זיינע וואַנדערונגען, געפינט זיך אין פאָלקס אינסטיטוט אין שיקאַגאָ. צענדליקע טויזנטער מענטשן האָבן שוין באַ־זוכט דעם מוזיי פון באַרנשטיין'ס זאַמלונגען. די פּרעסע האָט זיך אויך זייער וואַרים אָפּגערופן אויף דער קאָלעקציע.

ביכער אָנגעקומען אין דער רעדאַקציע

ליטמאַן (ניטאַ קיין ערשטער נאָמען) „א ליכטיקע וועלט" (קינדער מעשות) אילוסטראַציעס פון מישע שוואַרץ. אַרויסגעגעבן פון מחבר. בוענאָס־איירעס, 1935.

יוסף טראַכטנבערג — אויף באַסאַראַבער ערד — לידער. געדרוקט אין דער דרוקעריי פון „אויפגאַנג", רומעניען. פאַרלאַג מ. צעשינסקי, שיקאַגאָ.

א. ש. זאַכער — אידישע געשיכטע אין פראַגן און ענטפערס, פאַר שול און פאָלק, פון דער אוראַלטער צייט ביז היינט־צו־טאָג. — צוזאַמענגעשטעלט פון א. ש. זאַכער, מיט דער מיטווירקונג פון ש. דונסקי, לויט ש. דובנאָוו'ס אידישע געשיכטע און אַנדערע קוואַלן. מאָנטרעאַל קענעדע, 1935.

מאַרק שוויד — „און איך רעד פראָסט", סאָנעטן. פאַרלאַג „ווערבע", נויאָרק, 1935. 28 זייטן.

מאַטעס דייטש. — „אינם לאַנד פון די יענקיס" (לידער און פּאָעמען) 1922 ביז 1935. פאַרלאַג „ברייקן", שיקאַגאָ, 160 זייטן.

א ו י ס פ א ר ק ו י ף

בלויז פאַר א קורצער צייט, קען מען איצט באַקומען פאַר ווייניקער ווי האַלב די פּרייז פיר ביכער פון די קלאַסישע ענגלישע דיכטער אין

דר. א. אייסען'ס

אידישע איבערזעצונגען

פאַר בלויז $1.25 — מיט פּאָרטאָ

די פיר ביכער זיינען:

אָמאַר כאַיאַם —
דאָס שענסטע וויין־געזאַנג אין דער וועלט־ליטעראַטור פון דעם פּערזישן דיכטער און אַסטראָנאָם.

די אידישע מעלאָדיעס —
פון לאָרד בייראָן.

25 לידער —
פון דעם באַריהמטן אַמעריקאַנער דיכטער ה. וו. לאָנגפעלאָ.

25 לידער —
פון וואָלט וויטמאַן, דער פּאַטער פון דער מאָדערנער אַמעריקאַנער פּאָעזיע.

די פיר ביכער קען מען באַקומען פון:
DR. A. ASEN, 423 Grand St., N. Y.

אין פאַרלאַג צעשינסקי, שיקאַגאָ

עס זיינען נאָך פאַרבליבן געציילטע עקזעמפּלאַרן פון „טייבעלע" פון רבקה גאַלין, מיט אילוסטראַציעס פון נ. קאַזמאַנסקי, טייבעלע איז זייער שיין אַרויסגעגעבן, און איז פאַר קינדער די בעסטע, שענסטע און אינטערע־סאַנטסטע מתנה. — פּרייז 1 דאָל. פּאָרטאָ 15ס עקסטרע.

„דער קינדער סטרייק", נח מישקאָווסקי (א קינדער פּיעסע אין 2 אַקטן) דער קינדער סטרייק איז געשפּילט געוואָרן אין אַלע טיפּן פון אידישע און וועלטלאַכע שולן אין דער אידישער וועלט און האָט אומעטום אַרויס־גערופן די גרעסטע באַוואונדערונג. — פּרייז 25 סענט.

אַריין אין דרוק און וועט דערשיינען
דעם 20־טען סעפּטעמבער

דריי ביכלאַך פון נח מישקאָווסקי: — 1) „די אידן אין כינע", זייער אַריינקומען אין לאַנד, זייער געשיכטע. די אַלטע און נייע אידישע באַפעלקערונג. פּרייז 25 סענט.

2) „די תימנער אידן", ווי זיי לעבן, זייער גלות, זייערע ליידן, זייער געשיכטע, רעגירונג דינים, מנהגים שטערבן און אידייען. 25 סענט.

3) „עטיאָפּיע און די שוואַרצע אידן־פאַלאַשן". רייזע־באַשרייבונג פון דעם געהיימניספולן לאַנד. זייערע לעבן, לעגענדעס, זייערע שטעט און שטעטלאַך. זייער אינטערע־סאַנטער מאַטעריאַל פון לעבן פון די שוואַרצע אידן־פאַלאַשן. פּרייז 25 סענט.

די אַלע ביכער זיינען אינטערעסאַנט פאַר יונג און אַלט.

אויך ווערן דורכן פאַרלאַג פאַרקויפט:
„ייינקאָווינקעלע" פון דוד ראַדין, פאַר קליינע קינדער פּרייז 25 סענט

„דאָס טייכל קאַטשעט זיך אַפן בייכל" פון מ. טקאַטש (לידער און פאַבלען פאַר קליין און גרויס) — 50 סענט.

VERLAG CESHINSKY
2720 W. Division St. Chicago, Illinois

Phone Webster 7369
Alexander Nakutin
Teacher of Singing
Member of Society American Musicians
KIMBALL BLDG. CHICAGO

Our Brands
Pride of Chicago, Banner Boy and Red Duck
BANNER WHOLESALE GROCERS
INCORPORATED
917-21 WEST RANDOLPH ST.
1300 WEST DIVISION ST.
Telephone Haymarket 1911-1912
Harry Friedman, Pres.
Benj. Friedman, Sec. Treas. Chicago

Greetings of the Season
Phone Canal 7840
The B. Manischewitz Sales Corp.
DISTRIBUTORS OF
THE B. MANISCHEWITZ CO.
MATZOS AND MATZO PRODUCTS
SAM SLOANE, Sec'y and Gen'l Mgr.
2109 W. Roosevelt Road Chicago, Ill.

KARASIK BROTHERS CO.
WHOLESALE GROCERS
87-91 SO. WATER MARKET
Phone Monroe 5747
CHICAGO

STINEWAY
DRUG STORES
M. A. STINE, Vice-President
General Offices
125 W. OHIO STREET Superior 3154

Greetings of the Season
BARNEY GISNET

Greetings of the Season
MAXWELL LANDIS

Greetings of the Season
MAURICE J. NATHANSON

Greetings of the Season
GEO. H. PODOLSKY
4554 N. Drake Ave.

לשנה טובה תכתבו
הערמאַן בלעק
LESHONO TEIVO TIKOSEIVU
HERMAN BLACK

Chicago

שיקאגא

"CHICAGO"

ליטעראַרישער חדש זשורנאַל

LITERARY MONTHLY IN YIDDISH

סעפּט.-אָקטאָבער

1 9 3 5

פר״ז
20 סענט

MEYER ZOLOTAREFF
EDITOR and PUBLISHER

Our Compliments

LOCAL 15
International Ladies
Garment Workers Union

LOCAL 18
International Ladies
Garment Workers Union

LOCAL 100
International Ladies
Garment Workers Union

LOCAL 59
International Ladies
Garment Workers Union

LOCAL 81
International Ladies
Garment Workers Union

אונזערע האַרציקע באַגריסונגען
צו דעם נייען סיזאָן

VIENNA
Sausage Mfg. Co.
1215 S. HALSTED ST.
Tel. Canal 0129

אונזערע גוטע און געשמאַקע דע-
ליקאַטעסען, אַלערליי פלייש
און וואורשטן
זיינען באַוואוסט אין דער גאַנצער וועלט.

Try Our Delicious Delicatessen Products

Greetings of the Season

CONSUMERS
PETROLEUM CO.

208 West Washington St.
Chicago Ill.

Greetings of the Season
JUDGE
LEON EDELMAN
and
FAMILY

Greetings of the Season
DR. S. S. HOLLENDER

Greetings of the Season
JOSEPH HOLLENDER
and Family

Greetings of the Season
LOUIS A. WITTENBERG